STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06361

DI BROYT-MIL

David Bergelson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PEOPLES BOOK STORE
(B. MILLER)
816 MAIN ST. WINNIPEG

דוד בערגעלסאָן

די ברויט-מיל

(דער טויבער)

(דראַמע אין דריי אַקטן)

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

אױפֿפֿירן די פּיעסע אָן דער דערלױבעניש
פֿון מחבר פֿאַרװערט.

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „Di brojt-mił"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

פערזאנען:

שמעון ביק — א בעלעבאָס פון א גרויסער דאמף-מיל.
פרוי ביק — זיין ווייב.
מענדל — זייער זון.
דער טויבער — אן עלטערער ארבעטער אין מיל.
אסתר (דעם טויבנס טאָכטער) — א קעכין ביי שמעון ביק.
שולץ — מילנער-מייסטער.
יאָסעלע באָבציס — נאמן אין מיל.
יוליק — געוועזענער פארבער-יונג.
חבר צאַלי — שטרייק-פירער.
לייקע — א יונג דינסטמיידל ביי די ביקס אין הויז.
באַדזיראַטל — פריסטאַוו-געהילף.
אַלטע שמשטע.
אַלטער שמש.
בנימין)
כאַסקל) — ארבעטער פון שטרייק-קאָמיטעט.
פייגע די טאַנדייטניטשקע — (ביי איר אין קיך וווינט דער טויבער).
אַ קראַנק ווייבל — פייגעס שכנה.
ערשטער מעל-קרעמער.
צווייטער "
דריטער "
פערטער "
אָפגעזאָגטע אַרבעטער, שטרייק-ברעכער.
פּאָליציסטן, פאַרמעגלעכע און פרומע יידן, שטאָט-אָרעמקייט, קבצנים

אָרט — א מיטל-שטאָט אין רוסלאַנד.
צייט — פאַר דער מלחמה.
צווישן ערשטן און צווייטן אַקט — זעקס וואָכן.
דאָס זעלבע צווישן צווייטן און דריטן אַקט.

ערשטער אַקט

די סצענע

אין מיל־גאָרן

איינער פון די מיל־גאָרנס. רעכטס: טיילן פון מאַשינען, אַ דרייענדיק רעדל אָדער אַ פּאָר טרייב־רימענס אויף בלאָקן. אין וואַנט פון אונטערגרונט — אַ פּרימיטיווע הייב־מאַשין, וואָס רוקט זיך אויף און אָפּ אויף הענגענדיקע שטריק. לינקס פון דער הייב־מאַשין — אַ פענצטער צום מיל־הויף. נישט ווייט פון דער הייב־מאַשין — אַ הער־רער. לעבן איר אויף אַ שוסטער־בענקעלע זיצט שולק, שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. אין ביידע זייטן מיל־גאָרן — צוויי הויכע לייטערס. אַרבעטער טראָגן פולע זעק: אויף איין לייטער — אַרויף, מיטן צווייטן לייטער — אַראָפּ.

אונטן

די מיל־קאַנטאָר מיט טירן אין די זייטן. רעכטס, ביי איינער אַ טיר — פיר וואַרטנדיקע מעל־קרעמער. אין פאָדערגרונט, ביי זייער אַ הויכער קאַנטאָרקע זיצט אויף אַ הויך שרויפן־בענקעלע יאַסעלע באַבציס; לעבן אים — אַ גרופּע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, ווען ער צאָלט אויס די לעצטע שכירות.

אָנהייב שפּיל

דער פאָרהאַנג — אַראָפּגעלאָזט. דער אָרקעסטער שפּילט אַן אוווערטיור, וואָס פירט אַריין אין ריטם פון אַ מאָלנדיקער מיל. פון אונטערן פאָרהאַנג — אַ געזאַנג אין זעלבן ריטם. אין

כעאַטער — פֿינצטער. דער פֿאָרהאַנג — אויף. ליכט פֿאַלט בלויז אויף די צוויי לייטערס אין ביידע זייטן (די לייטערס ציען זיך אויך לאַנג־אויס דעם אונטערשטן גאָרן — די קאָנטאָר, דרויסן אין ביידע זייטן). ליכט פֿאַלט אויף די אַרבעטער, וואָס טראָגן אויף די לייטער פֿולע זעק; ליכט פֿאַלט אויף שולצס פּנים און אויף דער שפּילנדיקער האַרמאָשקע, װאָס אויף זיינע קניען. הינטער איז דורכאויס פֿינצטער. דער אָרקעסטער מיטן געזאַנג פֿון די אַרבעטער שטאַרבן אָפּ לאַנגזאַם. עס ווערט באַלויכטן אויבן דער גאַנצער מיל־גאָרן.

שולץ

שרייט אַריין אין הער־רער:

— לייגן מער זעק, פּוילאַקעס, מער זעק!..

עס ווערט באַלויכטן די מיל־קאָנטאָר.

אין קאָנטאָר

יאָסעלע

צו די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, ציילנדיק געלט, אויפֿשטעכנדיק אָרדערס אויף דראָטלעך:

אַנו, יאָ... טיע! אַוו־טאָ־מאַט... האָסט געהערט, איך בעט דיך? — אַוו־טאָ־מאַט!.. איז צו וואָס דאַרף מען עס עפּעס אַכציק אַרבעטער, הונדערט אַרבעטער?.. אַז מע מאַכט די מיל „אַוו־טאָ־מאַט", — און עס איז גענוג פֿיר־און־צוואָנציק, כע... איבערן קאָפּ. קוקט זיך אינעם אַר־בעטער בנימינען, וואָס שטייט צו אים נענטער, ווי אַלע. פֿיר־און־צוואָנציק, נאָר געזונטע, אייזערנע, נישט אַזעלכע קוצעפּערדיקעס, ווי דו... טיע!.. וואָס שטייסטו? וואָס ווערסטו מאַכן וואָס?.. דו, כע... נעכטן האָט מען דיך באַדאַרפֿט, האָט מען דיך געהאַלטן, היינט דאַרף מען דיך נישט, איז גיי, גיי... גיי פֿונדאַנעט, דו... בונדעוועץ!.. קאַפּיטאַליזם, שמאַפּעטאַליזם...

כאַסקל

פון מיטן דער אַרבעטער-גרופּע

— ער מאַכט נאָך חוזק, אָט דער... דער ווערימדיקער.

רייסט זיך צו יאָסלען.

בנימין

צו כאַסקלען

— הער אויף! מיר׳ן רעדן מיט אים נישט דאָ... אויף אַן אַנדער אָרט...

אַן אַרבעטער

פון מיטן דער גרופּע

— זאָל ער זאָגן מיט וועמען איז ער: מיט אונז, צי מיטן ביק?

יאָסעלע

אויפשפּרינגענדיק

— איך? איך — — מיט וועמען? איך?.. מיט אַלע און מיט קיינעם נישט... איך?.. — אַכצן רובל אַ חודש... אַכצן... יאָ, יאָ, יאָ... אַזוי הייס איך. נישט יאָסל באָבציס רופט מען מיך, נאָר „אַכצן רובל אַ חודש", איז פאַרוואָס בין איך עפּעס מחויב מיט עמיצן צו זיין? פאַר-וואָס?.. שטעביק. און ווו זייט איר אַלע געווען, ווען פאַניע ביק האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ? מיך, מיך — פון אַלע שטיינערנע טרעפּ... מיך צעבלוטיקט... יאָ, יאָ, צעבלוטיקט.

הערט נישט דעם געמורמל פון די אַרבעטער, קוקט זיך צו צו איי-נער פון די טירן, דורך וועלכע עס קומען אַריין מענדל און דער נאַדזיראַטל

!טצצ

טוט זיין פריערדיקע אַרבעט ביים טישל.

מענדל

צום נאַדזיראַטל

— אַהער, אַהער, אָט אין אָט דער טיר. דאָס איז ער, מיין אַלטער, ביי זיך אין קאַבינעט זיצט ער.

נאַדזיראַטל

אָפּ אין דער אָנגעחיזענער טיר

מענדל

קוקט אין אַ מיל־בוך. אויבן — די מאַשינען דרייען זיך. שולק פאַרעט זיך ביי די טרייב־רימענס, אָדער זיצט און שפּילט אויף דער האַרמאָשקע. אין וואַנט־שפּאַלט באַוועגט זיך אַלעמאָל די הייב־מאַשין. אַרויף גייט זי מיט פיל זעק און מיטן טויבן, וואָס שטייט אויף די זעק און שלעפּט אַ שטריק אַרויף, און אַראָפּ — ליידיק, בלויז מיטן טויבן, וואָס לאָזט נאָך דעם שטריק.

אינטן

מענדל

צו די מעל־הענדלער

— הערט־נאָר, איר! אויף וועמען וואַרט איר?

1טער מעל־קרעמער

— אויף פּאַניע ביק, אויפן טאַטן אויף דיינעם וואַרטן מיר.

2טער מעל־קרעמער

— שוין אפשר דריי שעה, אַז מיר וואַרטן.

3טער מעל־קרעמער

— זאָגן דעם אמת?.. איך האָב נאָך היינט נישט געדאַווענט.

4טער מעל־קרעמער

— מיר האָבן געמאַכט יד־אחת...

1טער מעל־קרעמער

— מע האָט דאָך מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק געהעכערט די פּרייזן אויף מעל..

2טער מעל־קרעמער

— אויף אַלע סאָרטן...

מענדל

נו יאָ, אַ שפּילעכל? — אַריינגעקנאַקט מיטאַמאָל אַזויפיל געלט אין רעמאָנט. אַנו, זאָג נאָר, יאָסעלע...

יאָסעלע

טוט זיך אַ הייב פֿון זיין פּלאַץ

— אַוו-טאָ-מאַט!

3טער מעל-קרעמער

מיט אַ גמרא־ניגון

קבצנים ווען דאַנערשטיק שילטן, מען איז נישט זיכער פֿון שלאָגן פֿענצטער, האָבן מיר זיך מיישב געווען, בע, בע... — זאָל מען באַטש שלאָגן ביי אַלע קרעמער גלייך... אַזוי... מ'עט שלאָגן די פֿענצטער. גנעבעך. קלאַפּט איינעם פֿון זיי אין פּלייצע. סע וועט דיר טראָגן אויף אַריינשטעלן נייע. אָפּ.

די מעקלער שעפּטשען צווישן זיך און גייען אַריין צו ביקן אין קאַבינעט.

אין מיל-גאָרן

שולץ

שטייט אויף פֿון זיין בענקעלע. שפּילט אויף דער האַרמאָניע, אַוועק־גייענדיק פֿון מיל-גאָרן.

אין קאַנטאָר

נאַדזיראַטל

אַרויסקוקנדיק פֿון ביקס צימער, קוקט צו דער גרופּע אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, וואָס ביי יאָסעלעס טיש

— נגנע! נישטאָ דאָ וואָס צו שטיין. זיך אָפּגעפּראַוועט, איז גיי געזונ־טערהייט!

קוקט בייז, ווי די אַרבעטער פֿאַרלאָזן די קאַנטאָר. — צו יאָסעלען:

— און דו?... מיווער־דיווער, שאַכער-מאַכער... קיין פּאַני-בראַט מיט די אַרבעטער נישט זיין! געהערט, וואָס מען רעדט צו דיר?

קוקט בייז, פֿאַרלאָזנדיק געדולדיק די קאַנטאָר.

יאָסעלע

לייגט צונויף די ביכער, ציילט עפּעס בגנבה ביי זיך אין טאַש, רעכנט עפּעס אויפֿן קאָפּ, מאַכט ווילדע גרימאַסן:

יוליק

קומט אַריין זײַנע אויגן קוקן צום באַלקן. ער טראָגט עפּעס אונטער זײַן פּאַרקנעפּלטן, אָפּגעריבענעם מאַנטל. אין דער האַנט האַלט ער אַ פּירעקיק פּעקעלע, פאַרוויקלט אין פאַרביקער ווײַבערשער פּאַטשיילע; בלײַבט שטיין בײַם אַרײַנגאַנג.

יאָסעלע

קוקט אויף יוליקן אָנגעשטרענגט, בײַסט די הענט

— אַ?... אַהאַ!... אַ—האַ!...

קוקט זיך אַרום, לאָזט זיך צו יוליקן מיט דריבנע טריטעלעך

טיע, טיע... ממ?... האָסט געבראַכט? האָסט געבראַכט?... איך ווייס, איך ווייס... מע האָט מיר געזאָגט פריער, מע האָט מיר געזאָגט פריער. קוקט זיך אַרום אין די זײַטן. פון שטרײַק־קאָמיטעט האָסטו געבראַכט, אַ?... פּראָקלאַמאַציעס האָסטו געבראַכט, אַ?... פּראָקלאַמאַציעלעך... נו? נו?... גיב זיי אַהער... גיב־הער... ששש!... שמעון ביק, שמעון ביק!... אַרוחן זײַן טאַטן!... מוטשעט די אַרבעטער... מיך — אויך, מיך — אויך... גיכער, גיכער... גיב־הער, גיב־הער.

וויל אָננעמען יוליקס פּעקעלע.

יוליק

נעמט אַוועק זײַן פּעקעלע אָן אַ זײַט, קוקט צום באַלקן

— איר ווייסט נישט?... איך האָב נאָר געוואָלט בײַ אײַך פרעגן...

יאָסעלע

טאַפּט אַרום יוליקן

— און דאָ?... אונטערן מאַנטל... אונטערן מאַנטל, וואָס האָסטו?

שלעפּט אַרויס פון אונטער יוליקס מאַנטל אַ פידל מיט אַ סמיק, קוקט פאַרוווּנדערט. אַ?... אַ—האַ... אַ—האַ!... איך פאַרשטיי... האָסט געוואָלט, מע זאָל נישט וויסן... אַ?... און דאָ? אין פּעקעלע... ווייז, ווייז, ווייז... וואָס האָסטו אין פּעקעלע?... וואָס האָסטו אין פּעקעלע?... ווייז—ווייז—ווייז...

טוט אַ כאַפּ פון יוליקס הענט דאָס פּעקעלע, צעבינדט עס מיט צי־טעריקע הענט, דערזעט, אַז ס'איז אַ קליינע האַרמאָניע, קוקט אויף יוליקן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, גיט אים אָפּ די האַרמאָניע.

י ו ל י ק

אָפּנעמענדיק די האַרמאָניע

ס'איז הער שולצס קליינע האַרמאָשקע. ער האָט זי מיר געגעבן צורעכט מאַכן. קוקט צום באַלקן. עס זענען אין איר קאַליע געווען דריי טענער, „רע" און „פּאַ" און „דאָ דיעז", האָב איך זיי אים פאַרריכט... אָ! — זי שפּילט שוין.

טוט אויף דער האַרמאָניע אַ שפּיל די ערשטע טענער פון „אינטער־נאַציאָנאַל".

י אָ ס ע ל ע

כאַפּט אים אָן פאַר די הענט

— נישט, נישט... נישט דעם ניגון!... דעם ניגון — נישט!.. טרעט אָפּ. מע דאַרף נישט, מע דאַרף נישט... כ'האָב מורא, כ'האָב מורא פאַר אָט דעם ניגון. ס'איז זייערער... זייערער... זיי מאַרשירן מיט אים אין גאַס... זיי וועלן מיט אים אומברענגען, אומברענגען... אומברענגען דעם ביק.. מיך—אויך. וואָס וועל איך טון אָנעם ביק? — פּרנסה, פּרנסה, פּרנסה... בייסט די נעגל, קוקט אויף יוליקן, וואָס פאַרוויקלט די האַרמאָניע צוריק אין דער פאַטשיילע, גייט צו נענטער. יוליק!.. יוליק!.. שלאָג מיך, יוליק, דו הערסט?.. שלאָג מיך, שלאָג מיך, שלאָג מיך... נעם אַ שטעקן און גיב מיר איבערן קאָפּ... יוליק! אויף טויט דערהרגע מיך. איך האָב דיך געוואָלט מסרן, דו הערסט? יוליק... כ'האָב געמיינט — האָסט פּראָקלאַמאַציעס אין פּעקעלע... כ'האָב געוואָלט נעמען ביי דיר דאָס פּעקעלע, אָפּגעבן עס ביקן, אַריינרופן דעם נאַדזיראַטל, נעמען דערפאַר ביי ביקן אַ פינפערל, פאַר דיר, יוליק — פאַר דיר נעמען אַ פינפערל... נו? יוליק, נו שלאָג מיך... שלאָג, שלאָג... שלאָג די אַכצן קערבלעך אַ חודש... טרייסלט יוליקן. נו, פאַרוואָס שלאָגסטו מיך נישט?.. שלאָג... שלאָג!..

י ו ל י ק

מיט אויגן צום באַלקן

— ניין... כ'האָב נאָך אויף מיין לעבן קיינעם נישט געשלאָגן... איך קאָן נישט!.. איך שפּיל נאָר אויפן פידל. דער עיקר איז ביי מיר שפּילן. איך קאָן אַלץ נאָר מיט טענער. איך האָב געזאָגט מיין מומע, דער שניידערקע: „אַ פאַלשער טאָן איז ווי אַ פּאַטש אין פּנים", האָט זי געלאַכט פון מיר.

י אָ ס ע ל ע

— אַ?.. אַהאַ!.. אַהאַ!.. קוקט אָן יוליקן. שוין גוט, שוין גוט... אַהאַ!.. איז קום נאָר הער, קום-הער, קום־הער... יוליק!.. יוליק... ששש... ווער, אַ?.. ווער איז אין שטרייק־קאָמיטעט?.. דו ווייסט, ווער איז אין שטרייק־קאָמיטעט... זאָג, זאָג, זאָג... איך וועל דיר דערפאַר שדכנען אסתרן, אסתר דעם טויבנס... האָסט זי ליב, אסתרן, אַ?.. האָסט זי ליב... וועסט מיט איר החתונה האָבן, וועסט מיט איר חתונה האָבן. פאַלט צו אים צו. גיכער, גיכער... זאָג... האָסט עפּעס געהערט פון שטרייק־קאָמי־טעט?.. ווער איז אין שטרייק־קאָמיטעט?.. אַ?.. ווער, ווער?..

י ו ל י ק

טרעט אָפּ, קוקט צום באַלקן

— איך דאַרף האָבן צו שולצן... כ'האָב אים אָפּגעבראַכט די האַרמאָניע. אָט מיט דעם לייטער קאָן מען צו אים אַרויפגיין?

אָפּ מיטן לייטער.

י אָ ס ע ל ע

קוקט אים נאָך, בייסט די נעגל, טוט אַ יאָג צו דער טיר, האַלט פּידט צו שמעון ביק אין קאַבינעט, הערט זיך איין, וואָס אויף יענער זייט טיר טוט זיך.

אַ י ן מ י ל - ג אָ ר ן

עס באַווייזט זיך אין וואַנט־שפּאַלט די הויפּט־מאַשין מיטן טויבן.

י ו ל י ק

קומט אַריין, ווינקט צום טויבן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

ט ו י ב ע ר

שפּאַנט אַראָפּ פון דער הייב־מאַשין

— האַ?..

י ו ל י ק

צום טויבן אין אויער, ווינקענדיק מיט די הענט

— מע האָט מיך געשיקט... מיר געהייסן אייך זאָגן...

ט ו י ב ע ר

האַ ?..

י ו ל י ק

— איר זאָלט אַוועקגיין פון דער אַרבעט... פון דער מיל...

ט ו י ב ע ר

— איך ?

י ו ל י ק

שאָקלט מיטן קאָפּ.

ט ו י ב ע ר

— אַוועקגיין פון מיל ?

י ו ל י ק

שאָקלט מיטן קאָפּ.

ט ו י ב ע ר

— פאַרוואָס ?.. כע !.. איך דאַרף דאָך עסן...

י ו ל י ק

ווינקט

— זיי זאָגן : „סע נישט שיין".

ט ו י ב ע ר

— נישט שיין ?... פאַרוואָס ?

י ו ל י ק

ווינקט

— ס'איז... אַ... שטרייק...

ט ו י ב ע ר

— האַ ?... אַהאַ !... אַ שטרייק ? !..

קוקט אָן יוליקן מיט פאַרגלייווערטן וווּנדער.

ש ו ל ץ

קומט מיט די טרעפּ פון אַ העכערן גאָרן, קוקט ווי יוליק טרעט אָפּ אָן אַ זייט און ווי דער טויבער שטעלט זיך אַריין צוריק אין דער מאַשין און פאַרשווינדט.

יוליק

צו שולצן

— איך האָב אייך אָפּגעבראַכט די האַרמאָשקע. נעמט ארויס די האַרמאָניע פון דער פּאַטשיילע. זי שפּילט שוין... אָט...

שולץ

קוקט אַלץ אויף יוליקן, אויפן שפּאַלט אין וואַנט, וווּ דער טויבער מיט דער הייב-מאַשין זענען פאַרשוווּנדן

און דעם פידל דיינעם האָסטו אויך ביי זיך?

יוליק

צופרידן

— יאָ, געבראַכט... איר האָט דאָך מיר געהייסן מיין פידל מיטנעמען.

נעמט ארויס דעם פידל פון אונטערן מאַנטל.

שולץ

— קום אַהער, מיר וועלן אַ שפּיל טון

פאַרשווינדט מיט אים אין אַ זייטיק טירל. עס הערט זיך, ווי זיי הייבן דאָרט אָן צו שפּילן.

מענדל

קומט אריין, שרייט אַראָפּ אין לאָך פון דער הייב-מאַשין

— לייגן צו צען זעק! צו צען זעק!

עס גייט דורך פאַרביי די הייב-מאַשין מיטן טויבן. דער טויבער, פאַרבייפאָרנדיק, קוקט שאַרף אויף מענדלען, די הייב-מאַשין פאַרשווינדט.

מענדל

צו שולצן, וועלכער קומט ארויס פונעם זייטיקן טירל

— ננננאַ!... זיי „צעדאָסט" דעם שטרייק. שמענדרוקעס! זיי וועלן דאָס אַריינפירן נייע פּאָראַנדקעס, איבערמאַכן די וועלט. גרויסע בריות!.. זיי מיינען: זיי וועלן אָפּרעדן די געבליבענע אַרבעטער. אונזער פּריסטאַוו—אַ באַבע, דער נאַדזיראַטל — אַ באַבע... קענען ניט פּאַקן דעם שטרייק-קאָמיטעט.

שולץ

מיינעטוועגן... קוקט צו די לויפנדיקע שטריק פון דער הייב-מאַשין. די שטריק זענען אַלטע, פוילע, ווער האָט געקויפט די שטריק?

מענדל

די שטריק?... די שטריק האָט געקויפט יאָסעלע. איך ווייס איין זאַך: אין בוך האָט ער פאַרשריבן — נייע שטריק.

שולץ

אַ גנב... מע קאָן ביי אים גאָרנישט נישט וויסן. ס'איז רעכט, אַז ער איז אויף ביידע זייטן... ער קאָן אָפטון אַ שפּיצל... אויף דער הייב-מאַשין זיצט נאָך דערצו דער טויבער, הערט נישט, ווי די וואַנט, גענוג סע זאָל פּלאַצן איין שטריק, איז אַן עק — אויס טויבער...

מענדל

קוקט אויף די שטריק

פּלאַצן?.. איין שטריק?.. אויס טויבער?.. צו שולצן. חלומות! נאָך נישט היינט פּלאַצן זיי. קוק בעסער: געפעלן דיר מיינע שטיוול? געקויפט... אין קיעוו.

עס דערהערט זיך אַ פאַבריק-פייף אויף מיטאָג-עסן, די רעדער מיט די טרייב־רימענס שטעלן זיך ביסלעכוויז אָפּ.

שולץ

באַטראַכט מענדלס שטיוול.

מענדל

שטיוול! פון שטיוול-לאַנד! אַז מען דערזעט זיי, ווערט מען די כפּרה.

שולץ

— ווייז אָנמעסטן.

מענדל

נאַ, טייערינקער, מעסט, מעסט.

טוט אויס די שטיוול.

ש ו ל ץ

מעסט זיי אָן, שפּאַנט אין זיי זיך דורך.

מ ע נ ד ל

טוט די שטיחל צוריק אָן.

אי ן ק אַ נ ט אָ ר

ש מ ע ו ן ב י ק

באַווייזט זיך אין דער ברייט-געעפנטער קאַבינעט-טיר אָנגעטאָן אין טלית־און־תפילין. צוזאַמען מיט אים שיטן זיך אויס פון קאַבינעט די פיר מעל-קרעמער, ביק טאַפּט מיט אַן עק פון טלית דעם של־ראש און דעם של־יד, זינגט צו:

— וארשתיך לי לעולם, וארשתיך בצדק ובמשפט, בחסד וברחמים... ידעת את אדני.

קושט דעם עק טלית, קוקט צו די מעל-קרעמער

— נו — אָ?.. גויים!.. ראש-חודש היום... ראש-חודש אלול, נו — אָ... הלל בציבור? נו — אָ?... גויים!

1טער מעל-קרעמער

— כ׳האָב נאָך היינט טאַקע נישט געדאַוונט.

2טער מעל-קרעמער

— איך — — אויך נישט.

3טער און 4טער מעל-קרעמער

— מיר — אויך נישט.

הייבן גלייך אָן אַראָפּצוציען יעדערער אַן אַרבל אויף צו לייגן תפילין.

ב י ק

— יאָסל!.. נו — אָ? מנין?!

י אָ ס ע ל ע

רופט אַריין פון הויף נאָך ייִדן, וואַרפט אַרויס פון אַ זייט-שאַפּקעלע־

טליתים, די קרעמער טוען די טליתים אָן. פונעם קאַנטאָר־טישל ווערט גלייך אַן „עמוד" מיט אָנגעצונדענע ליכט. איינער פון די אַריינגע־רופענע — אַ מעקלער — שטעלט זיך פאַרן „עמוד"־טישל און הייבט אָן, ווי אַ חזן:

— הודו לאדני, קראו בשמו, הודיעו בעמים עלילותיו...

דער אָרקעסטער שפּילט דעם ניגון פון דאַווענען. אַלע, אויסער שמעון ביק, וואָס שטייט אין אונטערגרונט מיטן רוקן צום צושויער, דאַווענען מיט היץ, זייער געשווינד, ווי פאַר אַ יאַריד, שפּאַנען אַרום איבערן קאַנטאָר, ווי אין אַ בית־המדרש. מאַכן בלויז זייער געשווינד מיט די ליפּן. עס דאַוונט פאַר זיי דער אָרקעסטער. דער מעקלער, וואָס דאַוונט פאַר זיי פאַרן עמוד, הייבט זיך אָן אַרומקוקן צו די מעל־קרעמער און ווינקט: צייט אָנהייבן זיך דינגען מיט שמעון ביקן פאַר דעם מעל, וואָס מע וויל ביי אים קויפן, דערביי הערט ער נישט אויף צו דאַווענען פאַרן עמוד, לאָזט אויס הויך: „הללויה, הללויה!" דער עולם מעל־קרעמער הערט נישט אויף אַרומשפּאַנען און דאַוונען. מע ווינקט צום חזן, אַז טאַקע ער, דער מעקלער, זאָל אָנ־הייבן זיך דינגען. דער חזן לאָזט דאַן אויס איין תפילה, הייבט אָן אַ צווייטע, פאַרלאָזט אַ ווײַלע דעם עמוד, גייט צו צו ביקן און באַווייזט אים — דאַווענענדיק — מיט די פינגער, אַז די מעל־קרעמער לייגן אים פאַר פאַר מעל 31 קאָפּיקעס. ביק הערט אויך נישט אויף פרום צו דאַווענען, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין": „עס הייבט זיך נישט אָן, פאַר אַזאַ פּרייז קאָן עס נישט גיין. דער מעקלער, איז צוזאַמען מיט אַלע קרעמער, אַראָפּ פונעם זינען, וואָס זיי האָבן גאָר געקאָנט פאָרלייגן אַזאַ קליינע פּרייז". דער מעקלער פרעגט ביקן אויפן ווונק: „איז וויפל־זשע?". ביק ווייזט אים מיט די הענט און מיט די פינגער: „אַזויפיל און אַזויפיל... אַ פּרוטה נישט ווייניקער". דער מעקלער־חזן לויפט צו אויף אַ רגע צום עמוד, לאָזט אויס „הללויה, הללויה", לויפט צו די מעל־קרעמער, וואָס האַלטן אין איין דאַווענען און אַרומשפּאַנען, און ווייזט זיי מיט די פינגער: „ביק וויל נישט ווייניקער, ווי אַזויפיל און אַזויפיל". די מעל־קרעמער הייבן אָן נאָך הייסער צו דאַווענען, אַרום־שפּאַנען און ווייזן מיט די הענט און מיט די פינגער דעם מעקלער־חזן, אַז ער איז צוזאַמען מיט ביקן אַראָפּ פון זינען. „אויב נישט פאַר

אזויפיל און אזויפיל קויפן זיי נישט". דער מעקלער טרעט אָפּ צום עמוד אויסלאָזן אַ נייעם „הללויה", די דאַחנדיקע טעל-קרעטער הינקען זיך איבער צווישן זיך. דער מעקלער-חזן שטייט שוין ווידער לעבן ביקן, באַווייזט אים מיט די פינגער די פּרייז, וואָס די קונים לייגן פאָר. די דינגערייען הערן זיך אַזוי איבער עטלעכע מאָל; וואָס שטאַרקער מע דינגט זיך, אַלץ הייסער דאַוונט מען, ביז מען גלייבט זיך אויס. דענסטמאָל האַלט מען שוין ביי „צור ישראל". דער מעקלער-חזן לאָזט אויס פאַרן עמוד „גאל ישראל". אַלע דעקן זיך איבער מיט די טליתים איבער די קעפּ און שטעלן זיך „שמונה-עשרה". אין קאַנטאָר — לאַנגזאַם טונקל.

אין מיל-גאָרטן

אין טיר באַווייזט זיך אסתר, טראָגט עמאַליעווע טעפּלעך מיט עסן פאַר מענדלען. בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג, ביידע מאַנסבילן קוקן אויף איר.

מענדל

עסן?.. וואָס עפּעס גאָר אַהער?.. וואָס עפּעס אין מיל?

שולץ

קוקט מיט איין אייגל, ווי אַ „מבין אויף אַ טשאַד", הייבט אויף זיין הארמאָניע, טוט אויף איר אַ שפּיל, גייט אַוועק.

מענדל

גייט צו צו אסתרן, נעמט די טעפּלעך פון אירע הענט, דערזעט, אַז זיי זענען ליידיק, קוקט דערשראָקן, פאַרוווּנדערט.

— וואָס ביסטו געקומען אין מיל?

פּויזע.

מענדל

קוקט אין ביידע זייטן

נו, גיכער... זאָג, וואָס ביסטו אַהער געקומען? קנייפּט זי אין בעקל, ווי אַן „אייג

מיידל". וואָס האָסטו דאָ געוואָלט ?

אסתר

— איך האָב דאָ אַ חלק.

קוקט צו די באַהעגלעכע שטריק פון דער הייב־מאַשין, וו עס אַרבעט דער טויבער.

מענדל

קוקט אויך צו די שטריק

— צו דיין טאַטן ?... צום טויבן ביסטו געקומען ?... נו אָט, זעסט דאָך... ער איז געבליבן. אָט אַרבעט ער אין מיל ; דיין טאַטן האָט מען נישט אָפּגעזאָגט.

אסתר

פאַרשטיינערט

— אַ שיינעם דאַנק !

מענדל

שפּאַנט אַרום

— דיין טאַטן האָט מען נישט אָפּגעזאָגט, כאָטש ער טויג שוין צו גאָר נישט. ער איז אַלט, טויב ווי אַ שטיק האָלץ, הערט שוין אַפילו נישט, וואָס מע רעדט צו אים...

אסתר

פאַרשטיינערט

— אַ שיינעם דאַנק !

מענדל

נו אָט... נאָך אַלץ נישט צופרידן. שפּאַנט אַרום. ביסט טאַקע עפּעס אַ טשודנע... מיין מאַמע האָט נעכטן געזאָגט : אַ דינסט זאָל מען צונעמען נישט אַזוינע, וואָס האָט שוין אַ שמעק געטון די גרויסע שטאָט און נישט אַזוינע, וואָס קאָן לייענען און שרייבן... אַזוינע מיינט : זי איז אַ בת־מלכּה... איך זאָג דיר קלאָרע דיבורים : דיין טאַטן האָט מען נישט אָפּגעזאָגט, כאָטש ער איז אַלט און טויב...

אסתר

אַלט, טויב, אַלט... זיפצט. אַלט איז ער געוואָרן אין מיל, ער אַרבעט שוין דריי-און-צוואַנציק יאָר אין מיל... טויב איז ער געוואָרן אויף דער הייב-מאַשינע, ווו ער ציט דעם שטריק. איצט הערט ער שוין גאָרנישט ער הערט שוין נישט מער, ווי די ווערטער: „סטאָפּ!", „סטאָפּ!"...

מענדל

נו יאָ, זאָג איך דאָך: טויב, ווי די וואַנט; אַנישט וואָלט ער איצטער געווען געבליבן אויף ווייטער אין מיל, ווען נישט אָט-אָ-דאָס. קוקט זיך איין אין איר פּנים זייער נאָענט. ווען נישט אָט-אָ-דאָס חן-גריבעלע... אָט-אָ-דאָס, אָט-אָט-אָט... חיל זי אַרומנעמען. ווען נישט דאָס, וואָס איך האָב דיך לי...

אסתר

שטויסט אים אָפּ

— גיי אַוועק... קוקט אים אָן בייז. רעד נישט וועגן דעם!!!...

אין מיל-הויף הייבט אָן שפּילן אַ שאַרמאַנקע. אַ בלינדער בעטלער זינגט דאָרט באַגלייט פון שאַרמאַנקע-ניגון:

בײם באַלע—באָעס אַ—אַ זונ—דל,
אַ דינסט אי—דאָ אין קיך.
דאָס זונדל קושט די די—י—ינסט,
יעדער קוש, ווי שטיך...

אסתר

נאַ... פאַרשפּאָרט אַן אַרבעט... מע שפּילט עס אויף דער שאַרמאַנקע. שוין אַלעמען דערעסן... „אויך מיר אַן אומגליק!"... דעם באַלעבאָס'ס זונדל מיט דער דינסט אין קיך... ווער ווייסט עס נישט?.. מיר אַליין האָט עס דערעסן נאָך דענסטמאָל, ווען דו ביסט צו מיר געקראָכן... נאַכט-ביי-נאַכט... ווען איך בין געשלאָפן... מיד, נאָך אַזויפיל אַרבעט. איך האָב געוווסט אָט... מע וועט עס שפּילן אויף דער שאַרמאַנקע.

מענדל

קוקט זיך אַרום

— אַ סטראַנגע מיידל!.. נו, גוט... גוט... נו, הער זשע אויס.

היל זי אַרומנעמען.

אסתּר

געלאַסן, באַפרייענדיק זיך

גיי אַוועק... שטויסט אים ליכט אָפּ. מיין טאַטע... טויב... אויך אַ שאַרמאַנקע... „איך הער שוין, זאָגט ער, גאָרנישט, סע מיר אַ בזיון זאָגט ער... און אַז דו, זאָגט ער, אַז דו, אסתּר, רעדסט צו מיר, הער איך... גוט הער איך, ווי אַמאָל". אַ פּויזע. ער קומט צו מיר—צו אייך אין הויז... ער קומט צו מיר אין קיך אַריין, ווען איך שטיי ביים אויוון און קאָך, זיצט אויף אַ שטול און קוקט, קוקט אויף מיר מיט אַן אָפן מויל, מיט פאַרגליווערטע אויגן... „אסתּר, זאָגט ער, אַ?.. איך מיין.. יוליקן... דעם פאַרבערס, וואָס שפּילט אויפן פידל... שדכנט זיך נאָך צו דיר?" מיין טאַטע!.. נעכטן איז ער ווידער ביי מיר געזעסן, גע. האַלטן, ווי אַ גולם, די הייסע קאַרטאָפל, וואָס איך האָב אים געגעבן, נישט געפּילט, אַז עס בריט אָפּ די פינגער, געקוקט אויף מיר. „יאָ, האָט ער געזאָגט, דער עיקר... זאָל דיר דיין קאָפּ נישט פליען אין דער לופט – אָ!"...

מענדל

צו זיך אַליין

וואָס בעבעט זי?... צו אסתּרן: נו, האָט מען דאָך אים נישט אָפּגעזאָגט, דעם טאַטן דיינעם. זאָג איך דאָך דיר: אַט אַרבעט ער דאָך, אָ.

אסתּר

אַ שיינעם דאַנק!... מיר געטאָן אַ טובה: אים געמאַכט פאַר אַ שטרייק-ברעכער... אויף דער עלטער... מער האָט מיר נישט געפעלט. זיך דערבאַרעמט!.. קרומט איבער: „אים נישט אָפּגעזאָגט"... שטרייק-ברעכער האָט איר געזוכט פון אונטער דער ערד...

מ ע נ ד ל

שטרייק-ברעכער?.. ווער זוכט? פונוואַנען ווייסטו?..

א ס ת ר

איך ווייס... אַלע ווייסן: יאָסעלע שטעלט זיי אייך צו — די שטרייק-ברעכער. אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד... אַלע ווייסן, פאַרוואָס מיין טאַטן האָט מען איבערגעלאָזט אַרבעטן. אַלע האָבן זיך געסודעט, אַלע האָבן זיך געשעפּטשעט... איך האָב עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן... איך בין אַוועק צו „זיי" און איך האָב זיי אַלץ דערציילט...

מ ע נ ד ל

צו וועמען?..

א ס ת ר

קיקט פאַרטראַכט אין אַ ווינקל

צו זיי. אַ פּויזע. אין שטרייק-קאָמיטעט...

מ ע נ ד ל

אין שטרייק-קאָמיטעט?!..

א ס ת ר

קוקנדיק פאַרטראַכט אין ווינקל

יאָ... אין שטרייק-קאָמיטעט... איך האָב זיי דערציילט אַלץ, אַלץ, פון אָנהייב ביזן סוף... ווי אַזוי איך בין אָנגעקומען צו אייך אין שטוב, פאַר אַ דינסט, פאַר אַ קעכין... ווי אַזוי איר האָט געמאַכט אַ תכלית... פון מיין טאַטן אַ תכלית, פאַר מיר אַ תכלית... קוקט זיך אום צו מענדלען. ווי אַזוי דו ביסט געקראָכן צו מיר... מיט גוטע ריידעלעך... נאַכט ביי-נאַכט... ווען איך בין געשלאָפן... מיד נאָך אַזויפיל אַרבעט. קוקט פאַרטראַכט אין ווינקל. און ווי אַזוי איך האָב דיך אָנגעהויבן צו-צולאָזן צו מיר, האָב איך זיי דערציילט—איך, אַ פאַרשטענדיק מיידל... דעם טויבנס אַ טאָכטער...

פון מיל־הויף דערהערט זיך ווידער דאָס שפּיל פון שאַרמאַנקע
באַגלייט מיטן זינגען פון בלינדן בעטלער:

איצט וואַלגערט זי זיך נעבעך,
טאָג ווי נאַכט אין גאַס,
איר פּנים — פאַרחושכט,
פון טרערן — נאַס.

אסתּר

אומקוקנדיק זיך צום פענצטער

איך קאָן עס נישט הערן, אָט דאָס־אָ... איך אַליין... צו מענדלען. איך האָב געוווּסט, וואָס סע וועט מיך קאָסטן... אָט דאָס, וואָס דו ביסט מיר געווען געפעלן אין יענע נעכט, ווען איך האָב דיך צו זיך צוגעלאָזט... נו, איז וואָס האָט מען אַהער צו שטופּן די נעזער?.. איך האָב זיך נישט מיט וואָס צו שעמען... איך האָב דערפאַר באַצאָלט... באַצאָלט פאַר אַלע מיינע גלוסטעניש אין יענע נעכט... באַצאָלט...

מענדל

זע נאַר! — „באַצאָלט", „באַצאָלט"... מיט וואָס האָסטו אַזוי באַצאָלט?

אסתּר

„מיט וואָס"... אַ?.. מיט וואָס?.. מיט וואָס?.. טרעט צו זייער נאָענט צו מענדלען, עפנט איר מויל, ווי אויף אַ גרויסן געשריי צו טאָן, נאָר פאַרמאַכט עס פּאַמעלעך צוריק, זאָגט גאַנץ שטיל: איך ווער אַ מוטער...

מענדל

דו?!.. דו ווערסט?..

אַ פּויזע.

מענדל

און דאָס אַלץ האָסטו דערציילט זיי?.. אין שטרייק,קאָמיטעט?..

אסתר

האָסטו זיך דערשראָקן ?..

א פויזע.

מענדל

אַ—האַ !.. איך פאַרשטיי שוין... ביסטו, הייסט עס, געקומען אים אַרױפּ נעמען פון דער אַרבעט, דעם טאַטן דײנעם...

אסתר

נו ?.. געפעלט דיר נישט ?.. יאָ. אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט... נישט נאָר מײן טאַטן — אַלע... אָפּשטעלן די מיל... אָט זע־ט ? דעקט אויף איר שאַל. איך האָב געבראַכט אָט... פּראָקלאַמאַציעס... נו ?.. וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן ?.. נו ?.. וואָס שטייסטו ?.. איר זוכט דאָך דעם שטרייק־קאָמיטעט, ווי מיט ליכט... איך בין געשיקט פון זיי, פון שטרייק־קאָמיטעט... ליגט ארויף איין האנט אויף די פּראָ־ קלאמאציעס, וואָס זי האלט אונטער דער שאַל, די צווייטע האנט דריקט זי צו נידעריקער פון ברוסט, טרעט אַלץ נענטער צו מענדלען. נו ?.. רוף פּאָליציע !.. אין טורמע אַרײן... אין טורמע זעץ אונז ביידן... דײן קינד אויך ! אויך !.. אויך !..

מענדל

טרעט־אָפּ אין שרעק, זײן פּנים — צו אסתרן, פארלאָזט מיט צוריק־ טריט דעם מיל־גאָרן. אויף די לייטערס, וואָס פירן פון אנדערע מיל־ גאָרנס, באווייזן זיך עטלעכע אָפּגעזאָגטע ארבעטער, וואָס זענען גע־ קומען צונעמען פון מיל זייערע זאכן. עס דערהערט זיך א פייף, א מיטאָג־צייט איז געענדיקט. די טרייב־רימענס מיט די רעדער הייב זיך אָן צו דרייען.

אסתר

אָטעמט אָפּ, גלייכט אויס אויף זיך די שאַל, הייבט זיך אויף מיט טרעפּ צו א העכערן מיל־גאָרן, שטעלט זיך אָפּ אויף איין טרעפּל־ אויף א צווייטן, ווארפט פונאנדער פּראָקלאמאציעס. — אָפּ.

איינער פון די אַרבעטער

קומט אַראָפּ פונעם לייטער, וואָס אין צווייטער זייט מיל-גאָרן, הייבט אויף אַ פּראָקלאַמאַציע, טוט אַליין, רופט אַריין נאָך אַרבעטער. עס ווערט אַ רעדל פון אַרבעטער אַרום איינעם, וואָס האַלט אַ פּראָקלאַמאַציע אין די הענט. דער לעצטער טוט אַ זאָג:

זע!.. פון שטרייק-קאָמיטעט...

אַ פּויזע. אַלע קוקן זיך אין די אויגן.

אַן אָפּגעזאָגטער אַרבעטער

לויפט צו צום פענצטערל, וואָס גייט אַרויס אין מיל-הויף, קוקט זיך איין, רופט צו זיך די איבעריקע:

— קומט אַהער, אַהער...

אָפּגעזאָגטע אַרבעטער

באַקלעבן דאָס פענצטערל, קוקן זיך איין.

איינער

— נו לאָז!.. לאָז נאָר...

צווייטער

— איר האָט געהערט, צי ניין?

דריטער

— אָט פאַרוואָס מע האָט דעם טויבן נישט אָפּגעזאָגט!..

פון העכער די טרעפּ הערט זיך ווי עמיצער שרייט זייער הויך: „טויבער!!! אָט דאָ איז זי געווען — אסתּר!.. דיין אסתּר!..“ פון די טרעפּ, וואָס פירן אַהער פון אַ העכערן גאָרן, הייבן זיך אָן אַראָפּצושטעלן פריער דעם טויבנס פיס אין גראָבע שטיוול באַשיט מיט מעל, נאָכדעם — דער טויבער אַליין. ער בלייבט שטיין און קוקט אויף די רוקנס פון די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, וואָס האָבן באַקלעבט דאָס פענצטערל און זעען אים נישט.

אַן אָפּגעזאָגטער אַרבעטער

בײם פּענצטערל

— זעסט? זעסט?... שולץ װיל זי דאָרט אָפּשטעלן בײם טויער — אסתּרן־

אַ צװײטער

— זי װיל זיך צו אים נישט אומקוקן. זעסט? זעסט?... זי האָט אָנגע־רוקט די שאַל אויפן קאָפּ... זי גײט פאַרבײ.

אַ דריטער

— קוק, קוק, מע װינקט אויף איר פון אַלע זײטן, מע לאַכט. די פויערים, די מעל־בעל־עגלהס לאַכן.

טויבער

גײט שװער אַרונטער פון די טרעפּ, זײן בליק — צו די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, װאָס קוקן זיך צו אים אױם

— װאָס איז דאָ געװען? פרעגט מיט די הענט: װאָס?...

ער הערט, װי די אַרבעטער שעפּטשען זיך, בעט בײ יעדן פון זײ מיט די אויגן און מיט די הענט, מע זאָל אים זאָגן, װאָס איז געשען; ער רײסט זיך בעס מיט די הענט די אײגענע אויערן, װי ער װאָלט זײ װעלן אַראָפּרײסן, דערפאַר װאָס זײ הערן נישט װעגן װאָס די אַרבעטער שעפּטשען זיך. די אַרבעטער פאַרנעמען געשװינד זײערע פעקלעך און גײען אַװעק.

יאָסעלע באָבציס

קומט אַראָפּ פון די טרעפּ, קוקט זיך אַרום, צי עס איז מער קײנער נישטאָ, גײט צו צום טויבן, שרײט זײער הויך אין זײן אויער:

— װערסט אַ מחותּן!!!... דו, דו!.. דעם ביקס אַ מחותּן!!!

טויבער

קוקט אים אָן פאַרװונדערט

— האַ?..

אָסעלע

װינקט מיט די הענט, באַװײזנדיק מיט זײ אַ באָרד

— דעם ביקס... נעמט אַן דעם טויבן אונטער דער האַנט, װי מע נעמט אַן אַ מחותּן, אַ מחותּן...

טויבער

— אײ, יאָסעלע!.. מאַכסט חוזק, אַ? לאַכסט... זיפֿצט. האָ־האָ... דער ביק!.. איך קאָן אים גוט, קאָן איך אים — דעם ביק מיט זײַן בן, מיט זײַן מענדלען... אַ שפּילכל, אַ?.. דרײַ־און־צװאָנציק יאָר, אַז איך אַרבעט בײַ אים... טויב בין איך בײַ אים געװאָרן. האַ?.. איך הער נישט... מע רעדט און איך הער נישט... סע מיר אַ בזיון װײַזט אויף די אויערן: איך הער נישט... נאָר אַמאָל, אַז זי, אסתּר, רעדט צו מיר — מײַן אסתּר — הער איך...

יאָסעלע

צום טויבן אין אויער, זײער הויך

— זי האָט אים ליב!!!

טויבער

— האַ?...

יאָסעלע

װינקט מיט די הענט

— זי — דײַן אסתּר האָט אים — דעם ביקס מענדלען — טוט אַ קוש די פֿינגער. ליב...

טויבער

— זי?.. אים?.. כע!.. לאַכסט?.. אַ?.. לאַכסט?..

יאָסעלע

באַװײַזט מיט די הענט אויפֿן בויך

— זי... טראָגט פֿון אים.

טויבער

קוקט אָן יאָסעלען. זײַן פּנים גײט איבער פֿון שמײכלען אין כּעס.

יאָסעלע

רוקט זיך אָפּ אין שרעק צו דער וואַנט.

טויבער

רוקט זיך נאָך אים

— דו אויך?!.. דו?!..

יאָסעלע

— טיע, טיע, טיע... איך?.. וואָס בין איך? ווייזט מיט די הענט. מע זאָגט... אַלע זאָגן...

טויבער

— „מע זאָגט", אַ?.. קום אַהער! ווער זאָגט?.. אַ?.. קום ווייז מיר, ווער זאָגט?

כאַפּט אַריין יאָסעלען אין די הענט אַריין, טוט אים אַ קוועטש.

יאָסעלע

וויל זיך אויסרייסן

— מאַכסט מיך אומגליקלעך! טיע, טיע, טיע... אומגליקלעך! ווייזט מיט די הענט: שטילער, דער ביק וועט דערהערן... דער ביק!

טויבער

לאָזט אים אַרויס פון די הענט

— דער ביק... וואָס האָב איך אים געטון, דעם ביק?.. קום אַהער... כ'האָב געהאַט אַ ווייב, שרה ע"ה... זי האָט געטראָגן הינער צום ביק. איך? ווייזט אויף די אויערן: איך בין טויב געוואָרן ביים ביק. ביים ביק מאַכט מען יום-טוב?.. האָסטו געזען, ווי מע מאַכט יום-טוב ביים ביק?... מע עסט געבראָטנס, קוילעטש, קאַטשקעס... אוי! דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז... און לעבן אויוון שטייט ביי אים אסתר, מיין אסתר — קאָכט און באַקט, קאָכט און באַקט... דער ביק איז מיין שונא — שטענדיק... איך בין אים מקנא, דעם ביק... איך בין אים מקנא... מיין שונא... קום אַהער, קום אַהער!.. ביסט דאָך עפּעס פרום מיט פּאהלעך... ווען מע דערהרגעט דעם ביק, וואָלט איך געוועזן פריילעך... יאָ... יאָ... פריילעך...

איך וואָלט געטאַנצט... געטאַנצט, ווי אום שמחת־תּורה... נו..
נו?.. און ווען, ווען איך... ווען איך אַליין?.. דערהרגע?..

יאָסעלע

דערשראָקן

— בע, מע, בע... וואָס, ווער?.. וואָס בעבעסטו, וואָס?..

טויבער

— נגנאַ!.. שווער אָפּאָטעמענדיק. כ׳האָב געפּרעגט... גלאַט אַזוי... די געבלוט, זענען מיר אַריין אין קאָפּ... איך שלאָף נישט דורך די נעכט... עפּעס ווינקט מען... אויף אַסטרן ווינקט מען...

אַקול

דורך דער הער־רער, וואָס אין וואַנט

— טויבער!!! צו דער הייב־מאַשין!!!

אויפן לייטער באַווייזט זיך דער אָפּגעזאָגטער אַרבעטער בנימין מיט אַ פּעקעלע אין די הענט, גרייט צו פאַרלאָזן די מיל.

טויבער

שטעלט זיך פאַמעלעך אין דער ליידיקער הייב־מאַשין, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון אַ העכערן מיל־גאָרן — זיין פּנים צום צושויער, ווערט פאַמעלעך איינגעזונקען מיט איר אין לאָך.

בנימין

צו יאָסעלען

— נו, רב יאָסל? מיר גייען אַוועק, מיט אייך וועלן מיר זיך נאָך אָפּ־רעכענען אויף אַן אַנדער אָרט. מיר וועלן נאָך רעדן.

יאָסעלע

— מיט מיר?.. וואָס וועסטו מיט מיר רעדן? ווייזט אויף דער אַרומיקער מיל. אַוו־טאָ־מאַט... אָ... נו? נו? רעד צום אַווטאָמאַט...

בנימין

— דרייט נישט קיין מוח! געאַרבעט האָבן מיר דאָ עטלעכע און פערציק

אַרבעטער, האָט מען אונז דריי-און-צוואָנציק אין איין פּרימאָרגן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. איר זענט געבליבן. איר זענט אויך אַן אַרבעטער — אַ פּריקאַשטשיק זענט איר.

יאָסעלע

— איך?.. איך?.. מיט חוזק. אַכצן רובל אַ חודש, אַ?.. אַכצן רובל אַ חודש...

בנימין

— אין סאָיוז האָט מען געזאָגט: אויב מע וועט אָפּזאָגן אַפילו איין מענטשן, זאָל קיינער זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט. איר ווייסט עס גאַנץ גוט. איר האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן וואָס מע רעדט צו אייך. איר האָט ליב דעם ביק גלייך מיט אונדז, נאָר איר שפּילט אַ מיאוסע חתונקע — קוצעניו-מוצעניו מיט ביידע זייטן. געדענקט! מיר וועלן נישט שווייגן... צו דער אַרבעט האָט זיך געשטעלט ווער?— סאַמע מענטשן, וואָס פּאַרשטייען גאָרנישט. זיי וועלן מיר אויפקלערן, נאָר איר? — איר זייט נישט אונזערער און נישט דעם ביקס — איר טאַנצט אויף צוויי יאַרידים, טאַנצט איר. איר האָט הינטן-אַרום גע-קנעלט מיט זיי, זיי זאָלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט, איר מיינט מיר ווייסן נישט?... מיר'ן נאָך רעדן.

יאָסעלע

כאַפּט אַרויס אַ צעטל פון בוזים

שאַ, שאַ, שאַ!... אָט איז דאָ דאָס צעטל פון די אָפּגעזאָגטע... מע האָט מיך אויך געהאַט אָפּגעזאָגט, נאַ... נאַ... מיך אויך, מיך אויך...

בנימין

מע ווייסט די קונצן

טוט אַ כאַפּ בײַ יאָסלען דאָס צעטל, צעקנייטשט עס, שמייסט עס אַוועק. — אַפּ.

י אָ ס ע ל ע

הייבט אויף דאָס צעטל, גלייכט עס אויס, לייגט עס צוריק אין בוזים-טאַש

— פּכע !... קנאַקערס !··· בונדעווען ! קאַפּיטאַליזם, שמאַפּיטאַליזם ! אָפּ.

מ ע נ ד ל

באַווייזט זיך, פירנדיק אונטער דער האַנט שולצן, וועלכער האַלט זיין האַרמאָשקע אין די הענט

— נו, אַדרבא, דו, בריה, גיב אַן עצה... אַוועקפאָרן, זאָגסטו, אַ ?... אויף אַ פּאָר חדשים. קראַצט זיך. ס׳איז נאָך ערגער... ביסט אַ פערד ביסטו, שולצעלע· אַוועקפאָרן וועט פאַר אַלע זיין אַ סימן, אַז זי טראָגט פון מיר··· קלאָר··· און די מאַמע אינדערהיים וועט גוואַלדעווען··· ביי אונז איז אַן אומגליק — אַ ממזר... דו ווייסט, וואָס הייסט אַ ממזר ?... אַ, שולצעלע ? דערזעט פּלוצים, אַז שולצן איז לאַנגווייליק. און זי האָט מיך ליב געהאַט ! אוי, האָט זי מיך ליב געהאַט !

שעפּטשעט שולצן עפּעס אויפן אויער.

א י ן ק אַ נ ט אָ ר

ליכטיק. ביי אַ טישל מיט ברענענדיקע ליכט איז שמעון ביק אויפגערופן צו דער תורה. אין זיינע ביידע זייטן — צוּ פיר מעל־קרעמער אין טליתים און אין תפילין; הערן צו די קריאה מיט פאַרדבקהטע פּנימער. דער צענטער — דער בעל־קריאה — שטייט לעבן ביקן און לייענט די תורה:

— שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר יהוה אלהיך נותן לך לשבטיך ושפטו את העם משפט צדק. לא תטע משפט לא תכיר פנים ולא תקח שוחד אאַז״וו·

ער דרייט דערביי מיטן גראָבן פינגער.

אין מיל-גאָרן

שולצן איז לאַנגווייליק פון דעם, וואָס מענדל שעפּטשעט אים אין אויער. ער באַפּט אונטער אויף דער האַרמאָשקע דעם ניגון, מיט וועלכן דער בעל־קריאה לייענט אונטן, אין קאַנטאָר, אין דער תורה.

אין קאַנטאָר

דער בעל־קריאה דערהערט, אַז מע שפּילט שוין אָן אים אויך דעם ניגון, פֿוילט ער זיך שוין צו זינגען און דרייט שוין נאָר מיטן פֿינגער. לאַנגזאַם פֿינצטער.

אין מיל-גאָרן

מענדל און שולץ — אַפּ.
עס דרייען זיך די מאַשינעס מיט די טרייב־רימענס אויף די בלאָקן.
די פּרימיטיווע הייב־מאַשין הייבט זיך אויף אַ פּאָר מאָל מיט שווערע. זעק און מיטן טויבן, וואָס ציט מיט אַלע כּוחות דעם שטריק, זי לאָזט זיך אַראָפּ צוריק ליידיק בלויז מיטן טויבן, וואָס לאָזט נאָך דעם שטריק.

אַן אַרבעטער

לויפֿט אַראָפּ פֿון די טרעפּ געשווינד, פֿאַלנדיק פֿון די פֿיס, יאָגט צו צום לאָך, ווו עס זעט זיך די באַוועגונג פֿון די שטריק, בעת די הייב־מאַשין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, שרייט אין שרעק אין לאָך אַריין

— טויבער !!! אַראָפּ פֿון דער מאַשין !!! אַ שטריק פֿון אויבן איז אָנגעריסן !!! טויבער !!! אַראָפּ פֿון מאַשין !!!
דער אַרבעטער פֿאַרשווינדט געשווינד מיט די טרעפּ.

אין קאַנטאָר

ליפּטיק. לעקעך און בראָנפֿן. מען טרינקט נאָכן דאַווענען לחיים.

ב י ק

טרינקענדיק לחיים צו די מעל־קר עמער

— דורכגעלאָזט די מיל נאָכן רעמאָנט פונקט אום ראש־חודש, און נאָך וואָס פאַר אַ ראש־חודש? — — פונקט אין ראש־חודש אלול צום ערשטן שופר־בלאָזן, קוקט זיך ארום, האַלטנדיק דאָס גלעזעלע בראָנפן אין האַנט: נו—אָ, שופר?...

א מ ע ל ־ ק ר ע מ ע ר

נעמט פון טישל דעם שופר, בלאָזט. אַלע הערן מיט פרומע פנימער, פאַרשטיינערט, מיט די גלעזלעך אין די הענט.

ב י ק

— שוין דאַנקען גאָט צוועלף יאָר... צוועלף יאָר, אַז ימים־נוראים דאַוונט מען ביי מיר דאָ אין קאַנטאָר און אַז שמחת־תורה גייט מען מיט הקפות ביי מיר אינדערהיים. קוקט מיט גדלות אויף די מעל־קרעמער. לחיים!

ד י מ ע ל ־ ק ר ע מ ע ר

— לחיים! לחיים!

א י ן מ י ל ־ ג אָ ר ן

די אָנגעלאָדענע הייב־מאַשין רוקט זיך פּאַמעלעך און שווער צו אַן אויבערשטן גאָרן. דער טויבער אויף דער הייב־מאַשין ציט דעם שטריק. די מאַשין באַווייזט זיך קוים צו פאַרשווינדן ווערן אין העכערן גאָרן, ווי עס דערהערט זיך אַ קראַך. פונעם לאָך, וואָס אין העכערן גאָרן, פאַלן פריער זעק, דערנאָך — דער טויבער. זיין פאַלן דורכן לאָך אין אונטערשטן גאָרן אַריין. אַ גוואַלד פון פיל מענטשן, וואָס לויפן דורך מיט די לייטערס פון די העכערע גאָרנס און אין אונטערשטן, ווהין דער טויבער איז אַרונטערגעפאַלן.

שולץ

שלעפט מיט זיך יאָסעלען

— קום! קום אַהער... שששששאַ... ווער, אַ?... האָסט געקויפט צו דער מאַשין אַלטע שטריק, אַ?... פוילע שטריק... האָסט פאַרשריבן אין בוך — נייע... ווידער געגנבעט? אַ?... ווידער געגנבעט?!...

יאָסעלע

— נייע שטריק!... אייזערנע שטריק... קוקט זיך איין אין שולצן, חייזט ווי מען שניידט מיט אַ מעסער. אפשר גאָר מענדל?... יאָ, יאָ... געמאַכט אויף אַ שטריק „כיק"... וואָרים ער האָט מורא... יאָ, יאָ, ער האָט מורא... דער טויבער קאָן אים הרגענען...

שולץ

שלעפט מיט זיך מיט יאָסלען אין קליינעם טירל.
ביידע — אָפּ.

אין קאַנטאָר

1טער מעל-קרעמער

— לחיים! דער רבונו־של־עולם זאָל העלפן, עס זאָל אָפּגיין גלאַט אָט דאָס — אָ... כ'מיין: איר האָט דאָך איצט מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק געהעכערט די פרייזן אויף מעל...

אַלע מעל-קרעמער

צווישן זיך

— נו, יאָ.

1טער מעל-קרעמער

מיט אַ גמרא־ניגון

— קבצנים וועלן דאַנערשטיק שילטן. דרייט מיט אַ פינגער איבער זיין קאָפּ. און פאַר ימים־נוראים... אַ שפּילעכל? — קללות פון אַ גאַנצער שטאָט...

אַלע

צווישן זיך

— קללות פון אַ גאַנצער שטאָט.
— און נאָך וועלכע קללות!
— און פּונקט פאַר ימים־נוראים...

1טער מעל־קרעמער

— שששששאַ!... און עס קאָן גאָר זיין — — מ׳עט זיך צעבוּנטעווען מ׳עט נישט וועלן קויפן... מיטאַמאָל — נאָך עטלעכע גראָשן אויפן פונט... ביי אַן אָרימאַן זענען אַ פּאָר גראָשן אויפן פונט אויך געלט...

אַלע

— נו, יאָ.
— אַ פּאָר גראָשן אויפן פונט.
— פּונקט פאַר אַלע ימים־טובים!
— אַלע מאָל אַ ווייס קוילעטשל...

ביק

— נו, יאָ... אַוודאי... זיפצט. איך האָב אויך געזאָגט דאָס אייגענע... נעבעך אַ גרויס רחמנות אויף אָרעמע־לייט. זיפצט. דעם אָרימאַן קומט אָן שווער יעדער גראָשן... נו? וואָס־זשע האָט מען געקאָנט טאָן?... איך האָב עס שוין אַפילו נישט איינמאָל מהרהר געווען, נישט איינמאָל געזאָגט: אַ מיל איז אַ גזלן! אַ מיל וויל נישט וויסן פון רחמנות. נו, פּרוּווט אָט... רעדט צו איר... גיט איר צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף לאָזן דאָס מעל ביליקער... אַ מיל איז האַרט, ווי אַ שטיין: אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָצענט מוז זי אויסצאָלן אַמאָרטיזאַציע— איך האָב אָט... ערשט אַריינגעלייגט אין רעמאָנט אַ מטמון! די מיל מוז צאָלן דער באַנק... זי מוז געבן אַזוי פיל און אַזוי פיל ריווח... אויב נישט, וועלן זי דערהרגענען אַנדערע מילן פון דער געגנט... מיך, פאַרשטייט מען, אינאיינעם מיט דער מיל — אויך דערהרגענען... „דורכגעלאָזט, זאָגט איר, די מיל פּונקט פאַר ימים־נוראים״... נו יאָ...—

דער סעזאָן !.. וואָס וואָלט איר געטאָן ?.. גרויסע קעפּ !.. געשעפט־מענטשן... איר וואָלט דורכגעלאָזט די מיל נאָכן סעזאָן... דאָס מעל זאָל ליגן ביז איבער אַ יאָר... קעפּ־מענטשן !.· נו וואָס זאָל מען מאַכן ?.. טאָקע פּאַר ימים־נוראים : ראש־השנה, ערב יום־כּפור, ערשטע טעג סוכּות, שמיני־עצרת, שמחת־תּורה... דער קבצן מוז האָבן אַ ווייס קוילעטשל... ס׳אַ מצווה צו מאַכן „המוציא" אויף אַ ווייס קוילעטשל... ער וועט קויפן... וואָס קאָן מען אים העלפן... ער וועט וויינען און וועט קויפן·

די מעל־קרעמער

צווישן זיך

— נו, יאָ·

— דער קבצן וועט קויפן.

— אַוודאי וועט ער קויפן·

— ער וועט וויינען און וועט קויפן.

ביק

— לחיים ! און דאָס מעל !... געזען, וואָס פּאַר אַ מעל די מיל גיט אַרויס נאָכן רעמאָנט !... פּרימאַ.

מעל־קרעמער

— פּרי—מאַ !

— פּרימע שבּפּרימע !

— אַנטיק שבּאַנטיק !

ביק

— לחיים ! נישטאָ אַזאַ מעל אין דער גאַנצער געגנט.

אַלע

— לחיים !

— לחיים !

מען הערט פרײלעך פון נאָך עטלעכע אויסגעטרונקענע גלעזלעך·

1טער מעל-קרעמער

דרייט מיט אַ פינגער העכער פון זיין קאָפּ, זינגט מיט אַ גמרא־ניגון

— און קבצנים וועלן שילטן! כע, כע׳ כע, כע, כע...

אַלע

לאַכן. לאַכנדיק, האַלב־שיכור׳ פאַלט מען אריין גלייך פונעם געלעכטער אין אַ ניגונדל

— טי — דע — ראָם — טאָם — טאָם — טי —ראָם, טי — דעראָם— דאָם — דאָם — דאָם — טי — דערי — דעראָם.

1טער מעל-קרעמער

אַ פּאָר מאָל רייסט איבער דער ערשטער מעל־קרעמער דאָס זמרל

— און קבצנים וועלן שילטן!... כע, כע, כע׳ כע, כע...

אין צוזאַמען מיטן עולם׳ וואָס לאַכט מיט, פאַלט ער ווידער אריין אין אַ זמרל.

עס דערהערט זיך פּלוצים אַן אומרויקער לאַנגער פאַבריק-פייף. אין מיל־גאָרן שטעלן זיך אָפּ די טרייב־רימענס. אין קאָנטאָר הערט מען גלייך אויף צו זינגען.

ביק

לאָזט זיך לויפן צו דער טיר

— די מיל האָט זיך אָפּגעשטעלט... וואָס איז מיט דער מיל?

די טיר עפנט זיך, איידער ער דערגרייכט צו איר, מען טראָגט אריין דעם צעשעדיקטן טויבן, מען לייגט אים אַוועק אין מיטן אויף דער פּאָדלאָגע. עס לויפן זיך אָן אַרבעטער, מעל־בעל־עגלהס׳ אַלע׳ וואָס געפינען זיך אין מיל און אין מיל־הויף, מ׳בייגט זיך אָן צום טויבן און פאַרשטעלט אים פון צושויער. קולות פון צווישן דעם אָנ. געלאָפענעם עולם:

— ער לעבט, ער לעבט׳

— ער רירט זיך.

— גיט אַהער וואַסער... נאָך וואַסער.

— ווו טוט אים וויי !

— הערסט דאָך ! אין די קריזשעס, זאָגט ער.

— אין די קריזשעס...

אין מיר באַווייזט זיך אסתּר. מע מאַכט איר אַ וועג צום פּאָטער וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע. זי בלייבט בײַ זײַן צופוסנס, װ פֿאַרשטיינערט. בײַם צוקאָפּנס פונעם טויבן שטייט ביק.

ביק

— טראָגט אים צו אים אַהיים, צו אים אַהיים....

פֿאָרהאַנג

צווייטער אַקט

די סצענע

אונטן

די קיך ביי שמעון ביק אין הויז. אַ הייס־אָנגעהייצטע פּליטע לעבן באַקאויון. אויף דער פּליטע — אַסך קאָכיקע טעפּ. אסתּר — קאָכט און באַקט, שטעלט איבער אויף דער פּליטע די שווערע טעפּ פון אָרט אויף אָרט, שלעפּט געשווינד לע־קעכער פון אויוון, קוקט, צי זיי זענען פאַרטיק, רוקט זיי צוריק אין אויוון, קנעט מיט איין האַנט טייג אין אַ מאַקרעטע, ווערט מיד, שפּאַרט זיך אָן מיטן עלנבויגן פון דער פאַרטייגטער האַנט אָן דער וואַנט, בלייבט אַזוי, ווי פאַרגליווערט.

אויבן

אָן עסצימער ביי שמעון ביק. העכער פון עסצימער אַ פינ־צטערער שטיק פונעם מיל־גאָרן, דער שפּאַלט פון וואַנט, ווו עס האָט דורכצוגיין די הייב־מאַשין, פון וועלכן עס איז צו זען, אַז די מיל שטייט. אין מיטן עסצימער, ביי אַ קיילעכיקן טיש, וואָס אונטער אַ הענג־לאָמפּ, זיצט אויבנאָן מיטן פּנים צום צושויער מאַדאַם ביק — אַ שווער־מענטש; זי איז טיילווייז געלעמט. לעבן איר שטייט לייקע — זייער אַ יונג דינסט־מיידל — און פּויעט זי מיט טיי פון דער שאָל. לעבן דער טיר, וואָס אין פאָדער־גרונט, זיצט אויפן שפּיץ פון אַ שטול יאָסעלע באָבעס. ער איז אויף יעדער רוף גרייט אויפצו־שפּרינגען פון אָרט, כאָטש עס דאַכט זיך, אַז ער דרעמלט.

מ אַ ד אַ ם ב י ק

איבערקרימענדיק

— אָרעם, רייך, רייך, אָרעם... דערעסן. זופּט טיי פון שאַל, וואָס לייקע דערלאַנגט איר צום מויל. שוין דערגאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ! זייט אויך רייך! ווער האָט אייך געבעטן זיין קבצנים?

י אָ ס ע ל ע

טוט זיך אַ הייב פונעם פּלאַץ

— אַוודאי, אַוודאי... רייכקייט איז פון גאָט. זעצט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ. עס שטייט אין די הייליקע ספרים: איז מען זוכה, איז מען אַ גביר, איז מען נישט זוכה — איז מען, איך בעט איבער אייער כבוד..., אַ קבצן.

ל י י ק ע

חייזט יאָסעלען די צונג, היט זיך די באַלעבאָסטע זאָל נישט זען.

מ אַ ד אַ ם

— איר ווילט נישט אַרבעטן? דאַרף מען נישט. וואָס-זשע וועט זיין? — וועט איר פּוכנען! אויסגיין פון הונגער! זאַבאַסטאָוו-קעס געמאַכט... אַ גרויסער „שכל”! — זאַבאַסטאָווקעס...

י אָ ס ע ל ע

— טיע, טיע, טיע... מיך אויך געוואָלט אַריינגעמען צו זיך אין דער קאָמפּאַניע, די זאַבאַסטאָווטשיקעס — זיי האָבן אַ קאָמיטעט האָבן זיי. מע האָט זיי צוגעשיקט אַ מענטש — פון „צענטער”, זאָגן זיי.

מ אַ ד אַ ם

— די מיל שטייט ערשט זיבן וואָכן. נישקשה, זאָל זי שטיין אַ יאָר, זאָל זי שטיין צוויי. איך זאָג מיין מאַן: מירן מוזן זיך פאַרגינען איבערזיצן — מילא, מיר האָבן פון וואָס צו לעבן, אָבער זיי — די „שמאַרבעטער”? — פון וואָס וועלן זיי לעבן?... איך בין האַלב גע-לעמט, איך גיי שוין קוים אַליין — פריער, ווען איך בין געווען געזונט, האָט אין מיל אַזוינס נישט געטראָפן.

י אָ ס ע ל ע

— אַוודאי... איך געדענק דאָך...

מ אַ ד אַ ם

— זאַבאַסטאָווּשטשיקעס... און דער קאָפּ זייערער איז אָט דער, ווי הייסט ער דאָרט?...

י אָ ס ע ל ע

— קריינע דער נייטאָרינגס וועבעוואָניק.

ל י י ק ע

מיט אַ גיפּטעלע

— בנימין הייסט ער...

מ אַ ד אַ ם

— דיין חתן אפשר? מיש זיך נישט, דו פּלאַמפּלעצל!

ב י ק

פון צווייטן צימער

— יאָ—סל!

י אָ ס ע ל ע

אָפּ אין צווייטן צימער.

מ אַ ד אַ ם

צו לייקען

לויף צו אין קראָם, קלאַפּ אָן דאָרט אויף דער הינטער־טיר, — דער קרעמער עפנט שטענדיק אום יום־טוב, אַז מע קלאַפּט אים אָן, — וועסטו נעמען צען פונט צוקער, פיר פונט ליכט — גרויסע, פירער און צוויי פונט צוואָנציקער, לויף גיך! וויַיז אַהער דעם בלאַט מיט די ברילן.

ל י י ק ע

דערלאַנגט. אָפּ.

מ אַ ד אַ ם

קוקט אין צייטונג.

עס קומט אריין ביילע — די אַלטע שמשטע — בלייבט שטיין בײַ דער טיר. איר קאָפּ ציטערט פון טיפער עלטער. זי קוקט זיך אַרום קרעכצנדיק, ווי אין היץ. דערזעט אסתּרן אין בעטעלע, טוט אַ פּאָר שפּאַן זייער פּאַמעלעך, ווי געפּענטעט, בלייבט שטיין. קוקט זיך איין אין אסתּרס רוקן.

ב י י ל ע ד י ש מ ש ט ע

קרעכצנדיק

זעסטו ! ? — קאָכסט... אַ ?... קאָכסט... קיין עין־הרע, וויפל טעג ?... גוּ, יאָ, פאַרוואָס דען נישט ? — יום־טוב... שמחת־תורה הײַנט אויף דער נאַכט... אַ קלייניקייט ? — ביי רב שמעון ביק גייט מען פון אַלע יאָרן שמחת־תורה מיט הקפות אינדערהיים... פאַרוואָס דען נישט ? אַז ער האָט אין שול דריי רייניקייטן : צוויי — פון זיין זיידן און איין רייניקייט האָט ער אַליין אין שול געגעבן... איז צו וואָס זיך שטופּן אין שול ? דאָרט איז ערד־טרעטעניש. נעמט מען זיך בעסער די אייגענע ספר־תורה אַהיים. מען לאָזט רופן די מעל־קרעמער און גלאַט אַזוי אָרעמע־לייט און מען מאַכט באַזונדער יום־טוב... יידן גייען ! יידן גייען !... פאַרוואָס דען נישט ? טוט ווידער אַ פּאָר קליינע טריטעלעך, קוקט זיך איין מיט אַלטע קורצזיכטיקע אויגן. די קצבטע האָט מיר דערציילט : „צו די ביקס, זאָגט זי, האָט מען הײַנט גענומען זעקס פונט פלייש אויף פּראַקעס און דריי פונט פלייש אויף מאַהינעס, און קיין שמאַלץ, זאָגט זי, האָט מען נישט גענומען". — שמאַלץ איז גענוג פון די אייגענע הינער... רוף איך מיך אָן צו איר : וואָ־דען ? דו נאַר דו, — ווי פאַר־אַ־יאָרן... מען האָט געמיינט, מען וועט מאַכן באַסטאָווקעס אין מיל, וועט רב שמעון ביק ווערן, חלילה, אויס גביר... נאַרישקייטן... טרעט צו גאַנץ נאָענט צו אסתּרן, קוקט זיך איין, זעצט זיך אויף אַ קיך־שטיל. קאָכסט... אַ ?... קאָכסט ?... ביסט, דאַכט זיך, אימס — דעם טויבנס טאָכטער ביסטו... אַ ?... געוועזן מסוכן קראַנק, דער טאַטע דיינער, פון דער הייב־מאַשין אַראָפּגעפאַלן. ציינד, זאָגט מען, איז ער שוין געזונט, נאָר ער איז נאָך מער טויב

געוואָרן... צינד, זאָגט מען, הערט ער שוין טאַקע גאָרנישט... הם... זעסטו?... קוקסט זיך אַפילו נישט אום... וואָס נעמסט זיך אַזוי איבער?... ביסט דאָך סך־הכּל אַ טונקעלע... כ׳האָב געהערט, אין שטאָט רעדט מען פון דיר... עפּעס זייער נישט שיין רעדט מען פון דיר... איך דאַרף צו דער מאַדאַם, דאַרף איך...

אסתּר

נעמט אַרויס אַ לעקעך פון אויוון — אָפּ מיט אים.

שמשטע

זיצט אַ רגעלע, קוקט זיך אַרום, רוקט זיך צו פּאַמעלעך צו דער פּליטע און הויבט אָן פאַרזוכן פון די טעפּ. נאָך יעדן מאָל פאַרזוכן באַלעקט זי זיך און באַקומט איבעראַנייס אַ זייער טשעקאַווע פּנים. וואָס מער זי טוט עס, ווערט זי מער דרייסט און איילִיק, כאַפּט זיך צו צו איינעם אַ טאָפּ און עסט זייער געשווינד, ווי אַ נאַשערין. מען זי עסט זיך גוט אָן, זעצט זי זיך, ווי בגנבה, צוריק אויף איר פריערדיקן פּלאַץ, באַלעקט זיך, קוויקט זיך אַ ווײַלע און הערט, ווי אַן אַלטער מענטש, זייער גיך אַנדרעמלט.

אין עסצימער

אסתּר

טוט אַריין, טוט אַ שטעל מיט כעס דעם לעקעך איבן טיש, גייט אַוועק

מאַדאַם

ווערט אויפגערעגט, לייענענדיק די צייטונג, רופט איר מאַן

מ ון?... שמעון?...

ביק

אַריין פון ווייטערדיקן צימער.

מאַדאַם

טײַטלענדיק אויף אַן אָרט אין דער צייטונג

— נאַ, אָט האָסטו... די גאַנצע מעשה מיטן טויבן, ווי ער איז

אראָפּגעפּאַלן... די גאַנצע מעשה מיט דער זאַבאַסטאָווקע... שוין געשריבן אין בלאַט...

בּיק

כאַפּט די צייטונג, קוקט זיך איין, לייענט

— אַן אומגליק... געטראָפן... מיט אַ... טויבן... אַרבעטער... אין בּיקס ראָזוז?... רעזערוועץ?... ראַזוועץ מילעכל?... קוקט פאַרווונדערט. ראַזוועץ?!... מילעכל?... לייענט נאָך אַמאָל, ווערט אויסער זיך. נאַ! זע... זע מיט וועמען מע האָט צו טאָן... סע דען מענטשן? שמייסט אַוועק די צייטונג, הייבט אָן אַרומשפּאַנען איבערן צימער. אַ וואַלצאָווּע מיל ביי מיר, פיר אייזערנע שטאָק, דערוועגט מען זיך צו שרייבן אין בלאַט: „ביי שמעון ביק אין ראַזעווע מילעכל". דאָרטן... אַ?.. ראַזעווע... ראַזעווע מילעכל... אַ? אַט האָסטו דיר... דאָס האָבן זיי אַזוי אָנגעגעבן אין בלאַט... נידעריקע מענטשעלעך... קליינע... פּאַסקודסטווע... שפּאַנט אַרום. וואַרט! מען וועט דיר נאָך די מעשה מיט דער מויד אויך באַשרייבן אין בלאַט... איך האָב געזאָגט. הינקט צו דער טיר, וואָס גייט אין קיך: יאַג אָפּ די מויד. נעם צו אַן אַנדערע קעכין... ווער האַלט עס ביי זיך אַ מעוברתע מויד?...

מאַדאַם

— אַזוי?... „כ'האָב געזאָגט"... אַ?.. חכמים זייט איר, קעפּ-מענטשן.. איך זאָל הייסט עס אויסשרייען איבער דער גאַנצער שטאָט: „עס איז פון מיין תכשיט! פון מיין זון".. וואָרים פאַרוואָס האָב איך זי עפּעס מיצקעדערינגען פאַר יום-טוב אָפּגעזאָגט?.. אַמער ווייס איך בעסער פון גאָרנישט... איך הייב נישט אָן צו וויסן... ששש! קוקט זיך אַרום. זי וועט אַליין אַוועקגיין... נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי, לערן מיך נישט!..

בּיק

דער טויבער קריכט דאָ צו איר אויף דער קיך-טיר... אַלערליי שוואַרץ-יאָרן קריכן דאָרט צו איר... טאָמער איז דיר קאַרג די זאַבאַסטאָווקע...

מאַדאַם

זאָל זיין זאַבאַסטאָווקעס... אַ שטאָט מיט שונאים... מורא געהאַט צו הייבן די פּרייזן אויף מעל... הונדערט מאָל זיך איבערגעלייגט: טאָמער, חלילה, איז צו טייער... געווען באַדאַרפט הייבן נאָך העכער, און זאָל די שטאָט פּילן דעם טעם... זאָל מען אין די אונטערגעסלעך וויסן, ווי איז אונטערצוגעבן די זאַבאַסטאָוושטשיקעס כּוח... מע רעדט זיי דאָך דאָרט אָן, אין די אונטערגעסלען... מע זאָגט זיי דאָרט, זיי זאָלן נישט גיין צו דער אַרבעט.

ביק

— איז וואָס? דעריבער דאַרף מען האַלטן דאָ די מויד?...

מאַדאַם

— לערן מיך נישט! שששש!

אין קיך

ביילע די שמשטע

קוקט זיך אַרום נאָכן קורצן דרעמל, שטייט אויף פון שטול, טרעט פּאַמעלעך, קומט צו צו דער טיר, וואָס פירט אין עסצימער, בייגט זיך פּאַמעלעך אָן, הערט זיך צו, עפנט ענדלעך אויף די טיר. אָפּ.

אסתּר

אַריינקומענדיק צוריק, קוקט אויף דער שטול, וווּ די שמשטע איז געזעסן, אָטעמט אָפּ.

אַוועק שוין... צו אַלדי שוואַרצע יאָר... נאָך אַ שמשטע אויף מיין קאָפּ.

אַרבעט בײַ דער פּליטע.

אין עסצימער

ביילע די שמשטע

קומט אַריין, בלייבט שטיין בײַ דער טיר

— איר זאָלט מיר האָבן אַ ליכטיק לעבן... מיין מאַן האָט מיך געשיקט

פרעגן, צי מען וועט היינטיקס־יאָר אויך גיין ביי אייך אינ־דערהיים מיט הקפות, צי ניין, צי זאָל ער אייך ברענגען פון שול די ריינקייטן, צי ניין...

ביק

— אָ! מע האָט זיך שוין דערפרייט. מ'עט גיין ביי מיר מיט הקפות. מ'עט גיין, מ'עט גיין! ווי פאַר־אַ־יאָרן.

אָפּ.

מאַדאַם

— זאָגט אייער מאַן, זאָל ער ברענגען.

ביילע

— גיי איך טאַקע און זאָג אים... קרעכצט. איך האָב אייך נאָר גע־יואָלט בעטן... איר זאָלט מיר האָבן אַ ליכטיק לעבן... איך בין שוין דאָ... איר האָט נישט אַ פּאָר קאַרטאָפל ?.. אַן אָרעמקייט ביי אונז אין געסל, זאָל גאָט שומר ומציל זיין... אַ גרויסער דלות... אַ גרויסער דלות...

מאַדאַם

— אַן אָרעמקייט אין געסל... קאַרטאָפל גיב זיי... און אַליין גייט מען נישט צו דער אַרבעט אין מיל, זאַבאַסטאָווקעס מאַכט מען...

ביילע

— יאָ... באַסטאָווקעס... מיין מאַן איז אַנומלטן געשטאַנען אין געסל; מיט טלית־און־תפילין אונטערן אָרים, איז ער דאָרט גע־שטאַנען, און האָט זיי געזאָגט די הולטאַיעס: „גאָט וועט אייך שטראָפן, האָט ער זיי געזאָגט. רב שמעון ביק, האָט ער זיי געזאָגט, האָבן נישט דאָס ביי אייך פּאַרדינט"... וואָס־זשע מיינט איר! אַ מענטשן פינף האָבן זיך טאַקע באַלד געלאָזט גיין אין מיל צו דער אַרבעט... נו ?... האָט מען זיי אויפן וועג אַרומגערינגלט טאַקע פון זייער קאָמפּאַניע... איך ווייס נישט צי מען האָט זיך געשלאָגן, צי־

מען האָט זיך געקושט... נאָר אַלע האָבן זיך עפּעס אומגעקערט צוריק אַהיים...

מאַדאַם

— אַ שטאָט מיט אָרימע-לייט, קבצנים! גיב זיי, גיב זיי, מצות-חיטין?— נאַ! אויפן שפּיטאָל?—נאַ! אויף האָלץ, אויף דער תּלמוד-תּורה, אויף דער שול, אויף דער באָד — נאַ! נאַ! און אַלע זענען שונאים אויפן לעבן. צו דער שמשטע. גייט געזונטערהייט· איר וועט אַריינקומען נאָך קאַרטאָפל אינדערפרי·

ביילע אָפּ.

אין קיך

ביילע די שמשטע

דורכגייענדיק דורך דער קיך פון עסצימער

— אין שטאָט רעדט מען וועגן דיר... עפּעס זייער נישט שיין רעדט מען וועגן דיר...

זוכט מיט דער האַנט די מזוזה ביי דער טיר פון ארויסגאַנג, אָפּ.

אסתּר

ביי דער פּליטע, קוקט זיך נישט אום.

אין עסצימער

מאַדאַם

צו יאָסעלען, וואָס קומט ביי אירע לעצטע ווערטער צוריק פון ביקס קאַבינעט און הערט זיך איין

דעם טויבן רעדט מען אָן ביי איר אין געסל, ער זאָל דערהרגענען מיין מאַן. וואָס-זשע, איך ווייס נישט?

יאָסעלע

— זיי זאָגן, דעם טויבן זענען די געבליטן אַריין אין קאָפּ פון דעם פּאַל... און איך זאָג זיי: בהמות! ער איז שטענדיק געווען אַזוי...

מאַדאַם

— מען קומט, מען דערציילט מיר: דער טויבער זיצט גאַנצע טעג ביי זיך אויפן בעט און שאַרפט אַ האַק... און אַלע, וואָס דערציילן עס מיר, ווילן דערביי עפּעס פאַרדינען... מיין סטרוזש וויל שוין אויך האָבן דערפון ריווח—ער קלאָגט זיך: ביינאַכט דראַפּעט זיך עמעצער ביי אונז אויפן פּאַרקאַן. האָב איך געזאָגט: ביסט אַ סטרוזש, האָסט אַ ביקס, זעסט עמעצער דראַפּעט זיך אויפן פּאַרקן, נעם און שיס.. אייערנעכטן האָבן מיינע דינסטן פאַרגעסן צו פאַרטרייבן די קו אין הויף, האָט מען אינדערפרי דערזען: די קו שטייט זייער סומנע לעבן טויער, און דער ווידל איז ביי איר אָפּגעהאַקט ביזן רוקן — עס טריפט בלוט... און מיין מאַן האָט מורא פאַר בלוט... מורא פאַר בלוט... ביינאַכט האָט ער זיך מיר אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי פון שלאָף. עס האָט זיך אים געחלומט, זאָגט ער, מען האָט אים פאַרשלאָסן אין אַ קעלער, און אַנטקעגן אים, דאָרט אין קעלער, זיצט דער טויבער און שאַרפט די האַק... בלייבט פלוצים שטיל, הערט זיך ו ציִם געוויש פון קיך-טירי אַ !.. מיינע דינסטן... די גדולה אויף זיי צו יאָסעלען. טו נאָר אַ קוק, וואָס איז דאָרטן?

אין קיך

לייקע

אריינלויפנדיק פריילעך פון דרויסן, אין אירע הענט א קיישל, אויף אירע פּלייצעס א שאַלעכל.

אוי!.. אסתר!.. אוי, האָב איך עפּעס פאַר דיר, פאַר דיר!.. שפּרינגט, קוויטשעט. וועסט לאַכן, אסתר... וועסט נישט טרעפן... וועסט גאָרנישט טרעפן... זינגט, טאַנצט. איך גיי מיר אַזוי צוריק פון קראָם מיטן קיישל, שטעלט מיך אין מיטן דרינען אָפּ... אַנו, טרעף... ער... ער. טענצלט מיט צוריק־טריט. יולעק!! — יולעק דעם פאַרבערס... וואָס שפּילט אויפן פידל... „איך האָב דיך עפּעס צו בעטן”, זאָגט ער, און אַליין — ווי ער וואָלט איינגעשלונגען אַן אַרשין, דאָס מויל — אָפן, די אויגן — גרויסע, גלעזערנע, קוקן צום הימל, קוקן צום הימל... „אוי, יולעק!—זאָג איך צו אים — יולעק!!... איך האָב געהערט

דו שפילסט שוין, זאָגט מען, אַזוי שיין אויפן פידל...". „יאָ, זאָגט ער, איך שפּיל... איך שפּיל שוין, נאָר איך וועל שפּילן גאָר, גאָר שיין". און די אויגן ביי אים גלעזערנע... קוקן צום הימל... איך זאָג צו אים: „אמת, יוליק? מען זאָגט: דו האָסט געהאַט אַ חלום אַזאַ, מען זאָגט: דיין זיידע, דער קלעזמער, איז געקומען דיר צו חלום און האָט מיר געזאָגט: וואַרף אַוועק פּאַרבעריי און לערן זיך שפּילן"... „ס'אַ ליגן, זאָגט ער, אין שטאָט, זאָגט ער, האָט מען אויף מיר אויסגעטראַכט, זאָג אסתרן, זי זאָל נישט גלייבן. איך, זאָגט איר, גלייב אויך נישט. איך ווייס: אַלץ, וואָס מען זאָגט אויף אסתרן, איז אַ ליגן".

לאַכט זיך פונאַנדער.

אסתר

פאָרעט ביים אויבן, קוקט זיך נישט אום.

לייקע

מאַכט נאָך, ווי יוליק גייט מיט פאַררייסענע אויגן צום באַלקן

— זעסט, אסתר?.. איך זאָג צו אים: דו קענסט זיך אָנבייגן, יוליק...

דערזעט פּלוצים עפּעס אויף אסתרן, וואָס קוקט זיך צו איר נישט אום, האַקט זיך אָפּ, בלייבט שטיין זייער פאַרוואונדערט, אומעטיק.

אין עסצימער

יאָסעלע

גייט צו צו דער קיך-טיר, נאָר עפנט זי נישט, הערט זיך איין, בייגט זיך אָן און קוקט אריין אין דעם שלאָס-לאָך.

— לייקע...

זי שפּרינגט, ווי אַ ציגל. קוקט ווידער.

מאַדאַם

— וואָס איז דאָרט די גדולה?..

אַ פּויזע.

יאָסעלע

קוקנדיק אין שלאָס־לאָך

איר הערט דאָך, פון יוליק דעם פאַרבעערס אסתרן אַ גרוס געבראַכט.

מאַדאַם

— הלוואי... אפשר וועט ער טאַקע נעמען... איך וואָלט זיי געגעבן אַ פיינעם נדן.

א פויזע.

מאַדאַם

— לייקע?

לייקע

באַווייזט זיך אין טיר.

מאַדאַם

— רוף אַריין דעם סטרוזש. עס ווערט נאַכט. באַלד וועט מען קומען צו די הקפות. מען דאַרף פונאַנדעררוקן די טישן, אַריינטראָגן אַהער בענקלעך.

לייקע

אָפּ.

יאָסעלע

שעפּטשעט צו דער מאַדאַם

— טיע, טיע, טיע... מע קאָן טאַקע רעדן אַ שידוך... איך וועל רעדן יוליקן דעם שידוך...

מאַדאַם

ארויסנעמענדיק פון בוזעם א ציטעריקע האנט מיט געלט

נאַ! האָסט נישט פאַרדינט... ווייסטו פאַרדינען...

יאָסעלע

נעמענדיק דאָס געלט

— טיע, טיע, טיע.

מאַדאַם

— בעבע נאָר גאָרנישט...

מאַכט אַן אָנשטרענגונג, שטייט אויף, קרומענדיק זיך פון ווייטיקן. אַפּ. דער סטרוזש און יאָסעלע טראָגן אַריין טישן, טישלעך, שטעלן זיי אויס, באַווייזן זיך אַלעמאָל און ווערן אַלעמאָל פאַרשווינדן.

אין קיך

פייגע די טאַנדייטניטשקע

אַ וויינענדיקע צורה. קומט אַריין. בלייבט שטיין ביי דער טיר, ברעכט די הענט.

גאָ, וואָס וועט זיין?.. וואָס וועט זיין?..

אסתּר

טוט ביי דער פּליטע. קוקט אָן פייגען.

פייגע

וואָס וועט זיין?..

אסתּר

— עס וועט גאָרנישט זיין, וואָס האָט איר זיך אַלע גענומען אויף מיין קאָפּ?

פייגע

— אַ בראָך צו דיר. וואָס הייסט — עס וועט גאָרנישט זיין? ווען דערציילסטו?

אסתר

— וואָס ווילט איר?

פייגע

— ער האָט פאַרטראַכט... שעפּטשעט. הרגענען האָט ער פאַרטראַכט דער טאַטע דיינער... ער איז געריריט און וויינען וויינט ער ביי מיר אין שטוב... ער האָט פאַרטראַכט הרגענען... עפּעס אַ קליייניקייט?..

אסתר

— ווער האָט אייך געזאָגט?

פייגע

— אַ בראָך צו דיר... אַ גאַנצע שטאָט זאָגט... וואָס דאַרף איך אים ביי מיר אין שטוב.

אסתר

— איר האָט אים פאַרדונגען.

פייגע

— ווי איז דיר, ווינד איז דיר, איך האָב אים פאַרדונגען אַ בעט ביי מיר אין קיך — ער זאָל דאָרט כאַליאַטשען ביינאַכט, האָב איך אים פאַרדונגען, איז ער דאָרט אָפּגעלעגן קראַנק פינף וואָכן פון נאָכן פאַל זיינעם, און איצט אָט די מעשה... איצט קריכן זיי צו אים...

אסתר

— ווער?

פייגע

— די זאַבאַסטאָווטשיקעס... וואָס דאַרף איך עס ביי מיר אין שטוב? וואָס שווייגסטו? אַ בראָך צו דיר!

אסתר

— נו, וואָס זאָל איך טאָן? נו, וואַרפט אים אַרויס, אויב איר קאָנט.

פייגע

— וועמען אַרויסוואַרפן? ס׳דען דאָ צו וועמען צו רעדן? טויב אָט ווי די וואַנט, ס׳איז שוין דען אַ מענטש?..

אסתר

— גייט אייך! איך בעט אייך, גייט אייך! גייט אייך!

פייגע

— נעם אים צו פון מיין קיך... אַ בראָך צו דיינע יאָרן.

מאַדאַם

באַווייזט זיך אין טיר

וואָס איז דאָ פאַר גוואַלדן!

פייגע

מיר אַריינגעזעצט דעם טאַטן אירן...

אסתר

— מיר איז שווער... איך קאָן מער נישט...

מאַדאַם

קוקט אָן פייגען

שווער? — — — ביסט שוין, דאַנקען גאָט, ביי מיר דריי יאָר. קיינמאָל איז דיר נישט געווען שווער און איצטער, מיטן דערינען... שווער? וואָס-זשע? מיין געזינדל איז חלילה גרעסער געוואָרן?

אסתר

צו זיך אַליין מיט קריצנדיקע ציין

ס'האָט מיר דערעסן!.. איך וויל אַוועק פונדאַנעט... איך וויל דאָ מער נישט בלייבן.

מ אַ ד אַ ם

אירע אויערן הערן אסתּרס ווערטער און רעדן רעדט זי, ווי צו פייגען נאָר איינע... און ערגעץ אַנדערש?.. אַ דינסט צו זיין איז אומעטום נישט גרינג. ערגעץ אַנדערש וועט מען דיך דען באַזעצן ווי אַ בת־מלכּה. וואָס מיינסטו?.. אַ גראַף וועט דיך דאָרט אויסכאַפּן?

א ס ת ר

ווי אין אַ טשאַד

פייגע, גייט אייך געזונטערהייט... איך וועל זען... איך וועל עפּעס טאָן...

פ ײ ג ע

אַוועקגייענדיק

זאָג איך דיר טאַקע: זע, טו עפּעס. וואָס בין איך דאָ אין דער מיט. אָפּ. האָסטו געזען!..

מ אַ ד אַ ם

צו אסתּרן

— איך האָב דיר געזאָגט: פּראַוווע דיינע געשעפטן ערגעץ אַנדערש, נישט דאָ.

א ס ת ר

— „מיינע געשעפטן"... אייערע געשעפטן!.. אַלץ, אַלץ איז אייערע געשעפטן — אייערע! אייערע!..

מ אַ ד אַ ם

— צו וועמען רעדסטו? פייגע איז שוין אַוועקגעגאַנגען. קוקט אַריין אין אויגן. איך האָב געהערט זאָגן: האָסט גאָר אַ גרויסן טשין... ביסט אַזש אין שטרייק־קאָמיטעט.

אסתר

— און אַז אין שטרייק-קאָמיטעט ?.. געפעלט איך נישט ? צו זיך אַליין. אוי, דערשלאָגן !.. אוי, אומגליקלעך געמאַכט.

מאַדאַם

מיט אַ געהעבערט קול

זע נאָר ! זע נאָר ! דער קאָרענער לעקעך אין אויוון. ער איז דאָך שוין פאַרשרפהט, פאַרברענט.

אסתר

צו זיך אַליין

איך וועל אַוועק פונדאַנען... איך מוז, איך מוז אַוועק פונדאַנען... אין דער וועלט אַריין...

מאַדאַם

קוקט זיך אום פון אויוון צו אסתרן. אַ פויזע

איז פאַרוואָס עפּעס אין דער וועלט אַריין ?.. סע דאָ אַן עצה, נאָר איינע... פאַר געלט לאָזט מען אומעטום אַריין... איך האָב גאָרנישט געקלערט אַנדערש... דו דינסט שוין ביי מיר דריי יאָר... אַזוי „אָרנטלעך“.. און אַז מיט דיר האָט זיך געטראָפן אַזאַ מין אומגליק... דאַרף איך דיר אַוודאי קומען צו הילף... וואָ׳דען האָסטו געמיינט ?.. אַז מען האָט צו טאָן מיט אַזעלכע זשוליקעס, אַז מען שפּילט ליבעס מיט פאַרבער-יונגען קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

אסתר

פאַרבער-יונג ! וועלכע פאַרבער-יונגען ?

מאַדאַם

זי נישט איינהערנדיק, שלעפּט געלט פון בוזים, דערלאַנגט אסתרן

פאַר געלט וועט מען דיך אומעטום אַריינלאָזן... באַלד נאָך יום-טוב איז

משך דינסטן, וועסטו דיר אַוועקפּאָרן, וווהין דו ווילסט... פּאַר געלט, נאַרעלע, פּאַר געלט...

אסתר

טרעט צו איר צו מיט ציטעריקע הענט

פּאַר געלט... אַ ?.. אַלץ פּאַר געלט... אַלץ פּאַר געלט... איך מיט זיך... איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן... און איר מיט אייער געלט... מיט אייער געלט... ווייזט, ווייזט אייער געלט. טוט אַ ריס ביי איר דאָס געלט און וואַרפט עס איר אין פּנים. נאָט עס אייך !..

לייקע

לויפט אָן אויף אסתרס געשריי. בלייבט אין שרעק ביי דער טיר, קוקט אויף דער באַלעבאָסטע, אויף אסתרן, אויפן צעשאָטענעם געלט.

מאַדאַם

הייזנדיק לייקען אויפן צעשאָטענעם געלט

נעם צונויף...

לייקע

טוט גיך מיט איין האַנט אַ שאַר צוזאַמען דאָס געלט, דערלאַנגט עס דער באַלעבאָסטע.

מאַדאַם

אָפּ.

אסתר

זעצט זיך אין דרעמלדיקער אָנמאַכט.

לייקע

וועקט זי

אסתר, אסתר... פון אַ ווייטערדיק צימער הערט זיך דער באַלעבאָסטעס רוף
לייקע!

לייקע

וויינענדיק

איך וויל דאָ אויך נישט זיין... איך וויל דאָ אויך נישט זיין... אָ.
אין קיך — פינצטער.

אין עסצימער

די גאַנצע צייט דרייען זיך איבער דער סצענע: דער סטרוזש, יאָסעלע, לייקע. זיי גרייטן צו דאָס צימער אַזוי, אַז עס הייבט אָן ביסלעכווייז אויסצוזען, ווי אַ בית־מדרשל.

עס קומט אַריין דער אַלטער שמש מיט נאָך אַ ייד. דער שמש טראָגט אַ ספר־תורה, דער ייד — צוויי. מע לייגט די תורות אויפן טיש, מע דעקט זיי איבער מיט אַ טוך, מע טוט זיי אַ קוש און מע גייט אַוועק. עס קומען אָן פון הויף: שולץ, מענדל, דער נאַדזיראַטל. שולץ — מיט פאַרויסגעצויגענע, פאַרבלוטיקטע הענט.

שולץ

צום נאַדזיראַטל

נו, אַט, גאָט צו דאַנקען—אַ וועטערינאַר געוואָרן, איבערגעבונדן דער קו די ווונד, רוחות אַזעלכע... אָפּגעטאָן אַ שטיקל, אַ? — אָפּגעהאַקט ביי דער קו דעם וויידל.

נאַדזיראַטל

— גיי ווייס, ווער עס האָט דאָס געטאָן און מיט וואָס האָט מען דאָס געטאָן.

מענדל

פירט שולצן אונטער דער האַנט צום וואַש־קאַסטן

קומט אַהער. נאַ, אָט האָסטו זיך, אַ האַנטעך. צום נאַדזיראַטל: מיט וואָס? — מיט אַ האַק. מען זעט עס אין די וווּנדן ביי די זייטן. נו, און ווער עס האָט דאָס געטאָן — דאָס איז אויך קלאָר. דאָס ווייסן אַלע אויסער דער פּאָליציי... אַ גאַנצע שטאָט זאָגט: דער טויבער זיצט גאַנצע טעג ביי זיך אויפן בעט און שאַרפט אַ האַק...

נ אַ ד ז י ר אַ ט ל

— דעם טויבן האָט מיר היינט אַ סטראַזשניק געבראַכט צו פירן צו מיר אין קאַנצעלאַריע.

מ ע נ ד ל

— געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל?

נ אַ ד ז י ר אַ ט ל

— דער פּראָטאָקאָל איז ווערט אַ גראָשן. איך שריי צו אים—גאָט גיב כוח, מ׳עֶן קען דערהערן אין דער צענטער גאַס: „קאָנסטו ביקס קו?" — שריי צו גאָט. מיר איז שוין הייזעריק דער גאָרגל: „האָסטו אַמאָל געזען ביקס קו?" און ער — קוים דערהערט דאָס וואָרט „ביק" און זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט: האָ?... ביק, דער ביק... האָ?... כ׳האָב אים געהאַלטן אַ שעה דריי פאַרשפּאַרט. געקומען יידענעס מיט יידן, געשטאַנען אין דרויסן פאַר דער קאַנצעלאַריע און געטענהט: מיר — דיר — גיר... — וואָס האָטן צום טויבן?... וואָס האָטן צום טויבן?... איך האָב געהייסן אים אַרויסלאָזן, איז ער אַריין צו מיר אין קאַנצעלאַריע, זיך געוויאַזשעט אפשר אַ האַלבע שעה, געגלאָצט די אויגן: „האָ!... ביק!... דער ביק!... האָ!... איך האָב אים געהייסן אַרויספירן, איז ער געשטאַנען אין דרויסן צווישן יידן און יידענעס, זיך פונאַנדערגעבונדן די הויזן און געוויזן, ווו טוט אים ווי; נאָכן פאַל: „האָ!... דער ביק... דער ביק... ביק, האָ?" איך האָב געהייסן צעטרייבן דעם עולם, און ער איז געגאַנגען אין גאַס, אָפּגעשטעלט פרעמדע מענטשן, צעבונדן די הויזן, געררעוועט, ווי אַ קאַלב: „האָ!... ביק!... דער ביק, האָ!" און דער עולם אַרום אים.. און דער עולם אַרום אים...

מ ע נ ד ל

— דער עולם... דאָס זענען אַלץ זיי, די זאַבאַסטאָווטשיקעס. מען רעדט אים אָן... מען מיינט מען ווייסט נישט ?... ווי בסוד צום נאַדזיראַטל. דער טויבער מאַכט זיך אומיסטן, אַז ער איז געריירט... — אומיסטן... ער זאָל קאָנען הרגענען. מען ווייסט נישט ? אָט הערט. רופט. יאָסעלע !

אָנשטאָט יאָסעלען באַווייזט זיך אין טיר לייקע.

נ אַ ד ז י ר אַ ט ל

דערזעענדיק לייקען, שטרעקט ער אויס די הענט

— אוי ! מיי–דע־לעך !...

מ ע נ ד ל

צו לייקען

ברענג אַריין בראָנפן. פאַרבייסן אויך. צום נאַדזיראַטל. פּראַקעס ! ווונקט געגעסן אַמאָל פּראַקעס ?

קיצלט אים.

לייקע אָפּ.

ש ו ל ץ

צום נאַדזיראַטל, אָפּווישנדיק די הענט מיטן האַנטעך

דאָס נייע שוואַרצע פערד דיינס דאַרפסטו לאָזן אויכשטיין כאָטש צוויי וואָכן. האָבער גיב אים נישט. שטעל אים אויף היי. איך בין אַ וועטערינאַר, אַ ?

ל י י ק ע

ברענגט אַריין אַ טעצל מיט שנאַפּס און מיט גלעזלעך, קוקט מיט מורא, שטעלט אַוועק אויפן טיש. אָפּ.

מענדל, שולץ און דער נאַדזיראַטל גיסן אַריין שטייענדיק צו דריי גלעזלעך, אָן לשון. ביי יעדן גלעזל ווינטשט מען איינער דעם צווייטן מיט די אויגן אַלראָס גוטס. עס הויבן אָן אַריינצוקומען מעל־קרעמער און פרומע יידן צו די הקפות.

1 טער מ ע ל - ק ר ע מ ע ר

גוט יום־טוב !

אַ נ ד ע ר ע

אַרײַנקומענדיקע ײדן

גוט יום־טוב, גוט יום־טוב!

מ ע נ ד ל

קוקט זײ אָן

זע!!... צו שולצן און צום נאַדזיראַטל, נעמענדיק מיט זיך פון טיש דעם שנאַפּס מיט די גלעזלעך. קומט אַהער, אָט דאָ אין צימער אָפּ מיט זײ אין דער זײַטיקער טיר.

ײדן מיט ײדענעס קומען צו די הקפות, קוקן צום ביק, װאָס באַװײַזט זיך אנטקעגן אין טיר.

אַ ר ײ נ ג ע ק ו מ ע נ ע

צו שמעון ביק

גוט יום־טוב!

גוט יום־טוב!

פינצטער

צווייטע בילד

די סצענע: עסצימער, קיך.

עסצימער

פינצטער

אין דער פינצטער הערט זיך א געזאנג ענלעך אויפן ניגון פון „גשם“, — א געזאנג, וואָס הערט געזונגען פון א גרויסן עולם, צוערשט — זייער שטיל. דאָס צימער אין דער פינצטער — פול מיט מענטשן. אויף די באַזעצטע טישן — ליכט. נאָענט צו דער ראמפע — צוויי טישן: איינער, א העכערער טיש — מיט אָרימצלייט. דער צווייטער טיש, א נידעריקער — מיט קבצנטעס. אביסל וייטער — טישלעך מיט מעל-קרעמער. אין די זייטן און אין די ווינקלען — חשובע באַלעבאָסטעס, א גרופּע קינדער, וואָס קנייפּן זיך, קעמפנדיק פאַר א בעסערן פלאַץ. אויפן מיטלסטן קיילעכיקן טיש — ספר-תורות, לעבן זיי — דער שמש אין א טלית; ער האַלט אין איין האַנט א ברענענדיק ליכט און קוקט מיט קורצזיכטיקע אויגן אין סידור, וואָס אין זיין צווייטער האַנט. שאָקלט זיך. — דאָס אַלץ געפינט זיך אין עסצימער, ווו דערווייל איז נאָך פ י נ צ ט ע ר און פונהאַנען עס הערט זיך בלויז דער ניגון.

אין קיך

הערט ליכטיק.

א ס ת ר

זיצט אויף אַ קיך־שטול, איר קאָפּ פאַרלוירן.

ל יי ק ע

שטייט לעבן אסתרן, האַלט זי אַרומגענומען.

אַ ן אָ ר י ם װ ײ ב ל

שטייט בײַ דער קיך־טיר. אויף איר — אַן אַלטע שאַל, װאָס פאַרדעקט טיילווייז איר פּנים און איר קאָפּ.

אַלע דריי זעען אויס, ווי פאַרגליווערט. ביים ווייבל איז דאָס פּנים זייער מאָגער און אומעטיק. עס קימט אויס: דער געזאַנג אין פינצטערע עסצימער איז ווי אַ באַגלייטונג צו די צרות.

װ ײ ב ל

— איז דאָס בין איך אַריינגעקומען דיר זאָגן... מיר וווינען פּונקט אַנטקעגן... כ'האָב אַ לונגען־פעלער, זיץ איך אַ גאַנצן טאָג אויף אַ בענקל אין דרויסן. איך דאַרף האָבן פרישע לופט... קאָן איך נישט צוזען דעם צער, ווי די טאַנדייטניטשקע איז זיך נוקם אינעם טאַטן אָן דיינעם... דאָרט ביי איר אין שטוב... מען זאָל שוין בעסער גאָרנישט דערלעבן...

אַ פּויזע. פון עסצימער הערט זיך דער געזאַנג.

װ ײ ב ל

— אינדערפרי, זאָגט זי, די טאַנדייטנישקע, האָט איר דיין טאַטע געוואָרפן אַ שטיוול אין קאָפּ. זי איז אַרויס אין דרויסן, זיך געקלאַפּט מיט די קולאַקעס אין קאָפּ. יידן, קוקט, האָט זי געשריגן, אַ פּאָגראָם מאַכט ער מיר, דער טויבער... אַ פּאָגראָם!.. און איצט, פאַרנאַכט, איך זיץ אינדרויסן, זע איך: די טאַנדייטניטשקע וואַרפט אַרויס אינדרויסן דיין טאַטנס בעט פון איר קיך... זי פאַרשליסט גוט די טיר, און ער ווייסט נאָך גאָרנישט... ער בלאָנקעט ערגעץ אַרום. איצט האָט ער שוין נישט אפילו ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... האָב איך מיר געטראַכט: ביסט דאָך פאָרט אַ טאָכטער... לאָם איך דיר כאָטש זאָגן...

אסתר
צו לייקען

גיי דיר אַוועק... לאָז מיך... כאַפּט אויף זיך אַ שאַל, איך וועל צולויפן אַהין, איך וועל אויסלאָזן מיין האַרץ צו איר קאָפּ... צום חייבל. קומט. ביידע אָפּ.

לייקע

קוקט דערשראָקן ווי זיי גייען אַוועק, בלייבט אַליין, הערט זיך איין אינעם ניגון. ווייַנט זיך פונאַנדער.
אין קיך — לאַנגזאַם טונקל.

אין עסצימער

ליכטיק

דער ניגון גיסט זיך איבער אינעם געזאַנג ביים קבצנישן טיש, וו מען האָט ביז אַהער אַלע ווי געדרעמלט:

1טער קבצן
אויפשטייענד פון פלאַץ
אף ברי.

2טער קבצן
אויפשטייענד פון פלאַץ
— אויף מאָרגן, נאָך יום־טוב אינדערפרי.

3טער קבצן
אויפשטייענד פון פלאַץ
— אי־אי־תת.

4טער קבצן
אויפשטייענד פון פלאַץ
— האָט מיין ווייב דאָס משוגעת.

5טער קבצן
אויפשטייענד פון פלאַץ
— שם שר מ—אָ—אָ־טר!

6טער קבצן

אויפשטייענד פון פלאַץ

– כאַטש פיר צום טאָ—אָ—אָ—טער!

7טער קבצן

אויפשטייענד פון פלאַץ

טוט זיך אַ הייב אין צווייטן עק פון טיש, מאַכט מיט דער האַנט אינדערהויך. זינגט מיט דעם זעלבן „נשם״-ניגון

– איך הער זי, ווי דעם קאָ—אָ—טער!..

אַלע קבצנים בלייבן שטיין אין פּאָזעס אויף וועלכע זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פלעצער.

שמש אין טלית

רופט אויס

– אלוף התורני רב שמעון ברב שמעון מכבד מיט די ערשטע פסוקים „אתה הראית״!

אַלע קבצנים

אין זייערע פאַרגליווערטע פּאָזעס טוען זיך צוריק אַ זעץ אויף זייערע פלעצער.

1טער קבצן

צובייגנדיק זיך צו זיין שכן

ווי פאַראַיאָרן!...

2טער קבצן

– אוודאי!.. מיט „אתה הראית״ איז מען מכבד רב שמעון ביק...

3טער קבצן

– און וואָס האָסטו געמיינט?.. מיט „אתה הראית״ דו?..

אַלע–איינער צום צווייטן

כע! — קבצן!

אינדערצייט, ווען די קבצנים זינגען „אף ברי״ און רעדן:

בּ י ק

טוט אָן דעם טלית זייער פּאַמעלעך, בעת אַלע אויגן קוקן צו אים. דער טלית איז שוין האַלב אָנגעטאָן. ער דערזעט, ווי מען ווינקט צו אים, אַז ער האָט אָנגעטאָן איבערגעקערט. ער נעמט דעם טלית פּאַמעלעך אַראָפּ, געפינט די רעכטע זייט און טוט אים איבעראַנייס אָן, נעמט אין איין האַנט אַ ליכט, אין דער צווייטער דעם סידור, קוקט זיך אַרום, ווינקט מען זאָל אַריינרופן די מאַדאַם.

גו... אָ...

מ אַ ד אַ ם

קומט אַריין פון אַנטקעגנדיקער טיר.

ו ו ײ ב ע ר

האַלב אויפשטייענדיק, בייגנדיק זיך צו איר, שעפּטשען

גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!..

בּ י ק

אַריינקוקנדיק אין סידור

— אתה הראית לדעת...

ע ו ל ם

זינגט נאָך. אין עסצימער ווערט טונקל.

אין קיך

לאַנגזאַם ליכטיק

ש ו ל ץ

קומט אַריין פון הויף שיכּור מיט דער האַרמאָשקע אין די הענט. שפּילט דעם זעלבן ניגון, וואָס מען זינגט מיט אים אין עסצימער „אתה הראית“. קוקט אויף דער וויינענדיקער לייקען. — זע !.. וויינסט
באָר ? קריכט נאָך דעם נאַדזיראַטעלס קול. „אוי, מיידלעך !..“ טרעט צו צו

איר נענטער. איך... געגאַנגען אין גאַס... געזוכט מיידלעך... נישטאָ!..
אַלץ איינס, קום דו.

ציל זי ארומנעמען.

לייקע

שלייבט זיך ארויס פון זיינע הענט.

שולץ

— אַלץ איינס... נישט איך, איז אַן אַנדערער... אַלץ איינס...

לייקע

בלייבט אנטקעגן אין ווינקל וויינענדיק

— איר מיינט, אַז איך בין אַ דינסט מעג מען מיט מיר טאָן אַלץ?..

שולץ

אַלץ איינס... אַ דינסט איז אַ דינסט. לאָזט זיך נענטער צו איר. פריער אָדער שפּעטער... אַלץ איינס...

לייקע

איך וועל מאַכן אַ גוואַלט, איך וועל מאַכן אַ גוואַלט.

קוויטשעט.

שולץ

קוויטשעסט?... נו, דאַרף מען נישט. איך האָב פיינט, אַז מען קוויטשעט...
איך האָב ליב מען זאָל מיר מיטפילן, האָב איך ליב... מיטפילן. ווילסט נישט, וועט זיין אַן אַנדערש מאָל... סיי-ווי-סיי... אַ דינסט איז אַ דינסט...
וואָרים פאַראַן באַלעבאַטישע מיידלעך... פיינע מיידלעך — מע פירט זיי צו דער חופּה און פאַראַן דינסטמיידלעך, וואָס די באַלעבאַטימס בחורימלעך מאַכן מיט זיי...

שפילט אויף דער האַרמאָשקע דעם „אתה הראית"-ניגון, וואָס הערט זיך פון עסציפער, גייט, פאַלנדיק פון די פיס, אַוועק.

לייקע

קוקט זיך אַרום דערשראָקן, ווײנט. נעמט אַרויס פון וואַנט־שראַנק איר פּעקעלע זאַכן, קוקט זיך גנביש אַרום

איך וועל דאָ נישט בלייבן... איך וועל דאָ נישט בלייבן.

כאַפּט דאָס פּעקעלע, אַנטלויפט.

די שיין ווערט טונקעלער.

אין עסצימער

ליכטיק.

שמש

אין טלית

— אלוף התורני רב שמעון ברבֿ שמעון תּן כּבוד לתורה, אלוף התורני רב בער ברב אברהם תּן כּבוד לתורה, אלוף התורני רב צבי־הירש ברב שלום־שכנא תּן כּבוד לתורה — מיט דער ערשטער הקפה!

ביק און צווײ מעל־קרעמער נעמען יעדערער אַ תּורה אויף די הענט, דרייען זיך אַרום קיילעכדיקן טיש. פאַר זײ גייט דער שמש אין טלית, האַלט אין איין האַנט אַ ליכט, בייגט זיך מיט די קורצזיכטיקע אויג צום סידור, וואָס אין דער צווייטער האַנט, זינגט:

— „אנא ה׳ הושיעה נא, אנא ה׳ הצליחה נא״

די ווערטער ווערן פאַרשלונגען אין ניגון.

יידן, ווייבער און קינדער שטופּן זיך צו זײ, קושן די תּורה, איבער־הויפּט ביים ביק, ווינטשן:

— דערלעבט איבער־אַ־יאָר! דערלעבט איבער־אַ־יאָר מיט אייער ווייב, מיט אייער זון.

שמשטע

ווען אַלע בלייבן שטיל, הערט זיך, ווי זי לייענט נאָך פון איר קרבן־מנחה אויף עברי־טייטש.

— לויטערער און ריינער, העלף אונז... דו, וואָס דערבאַרמסט זיך אויף אָרעמעלייט, באַגליק אונז, וואָס טוסט טאָן גוטס מיט יעדן, ענטפער אונז אינעם טאָג, ווען מיר טוען שרייען צו דיר...

מאַנסבילן

שרייען צו דער יידענע פון צוויי פאַרשידענע זייטן
— נו — אָ!... איבערגעקערט... זי האַלט שוין גאָר ביי „זך וישר״...

שמשטע

צעטראָגן פאַרשעמט, מישט אין איר סידור.

עולם

לאַכט פון איר, דער געלעכטער קאַטשעט זיך איבער אין אַ ניגון, און אין טענץ אין אַ ראָד. עס ווערט ענג דאָ אין עסצימער צו טאַנצן און דער עולם טאַנצט אַוועק אין אַ צווייטן צימער. די ווייבער מיט די קינדער גייען נאָך די טאַנצנדיקע. דאָס עסצימער ווערט ליידיק, פאַמעלעך טונקל, ביז — פינצטער.

א י ן ק י ד

ליבטיק.

דער טויבער

קומט אַריין אין טיר, בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום
— אסתר... האַ!?... אסתר!...

גיט אַרויס משונהדיקע טיף־ברוסטיקע קלאַנגען, די קלאַנגען זענען טיילמאָל ענלעך אויף געוויין, טיילמאָל — אויף געלעכטער, טיילמאָל — אויף צאָרן, טוט אַ פּאָר שפּאַן נענטער צו דער פּליטע, דערזעט די פעטע קאָביקע טעפּ, אָטעמט אין זיך טיף אַריין זייער ריח, שמעקט מיט דער נאָז ווי זייער אַ הונגעריקער.

האָ!... טעפּ!!.!... האָ!... דער ביק... דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז. דער ביק!!!... האָ!!!

לייגט אַוועק די האַק, וואָס ער האַלט אונטערן רעקל, כאַפּט אין הונגער זייער אַ הייסן טאָפּ פון דער פּליטע, קוקט אויף אים, טוט אים אַ הייב מיט גרויס זשעדנעקייט צום מויל, נאָך איידער ער הייבט אָן פון טאָפּ צו זופּן טוט ער, ווי פון עקל, אַ קרום די אַנגלען, גלאָצט אויס די אויגן און טוט אַ גאָס אויס אַלץ, וואָס

אין טאָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, דערנאָך טוט ער אַ שמיץ דעם טאָפּ אויך, קוקט אויף די ליידיק־געבליבענע ציטערנדיקע פינגער. איצט דערפילט ער, אַז ער האָט אָפּגעבריט די הענט, זוכט ווידער מיט די אויגן, רופט מיט בעס, רעוועט

אסתר!!!... אסס — — ת — ר!

בלייבט אַ רגע פאַרגליווערט, ווי ער וואָלט מיט די טויבע אויערן דערהערט די ניגונים פונעם עולם און נישט וויסן פון וואַנען זיי קומען. גולמיש פאַרגליווערט לאָזט ער זיך שפּאַנען צו דער טיר, וואָס פירט אין עסצימער. פאַרשווינדט.

אין קיך ווערט טונקעלער.

אין עסצימער

דער עולם טאַנצט אַהער אַריין פון די ווייטערדיקע צימערן, דעגלמעסיק צוריק ליבטיק. עס וואַקסט אָן דער ניגון, דער טאַנץ — אויסגעשרייען אין פאַרשידענע זייטן.

קולות

— קבצנים, צו „עוזר דלים"!
— שלעפּער, ריר זיך!
— היידאַ!
— נישט גצדרעמלט!

געמוזדמל, געפלוידער, געלעכטער. אָרימעלייט קלעפּן זיך אָן צו דריי — פיר אָן יעדערער פון די דריי ספר־תורות. שטויסן אָפּ, וואַלגערן אום איינער דעם אַנדערן.

שמש אין טלית

גייט אַפריער, כאַפּט אָפּ זייער גיך די הקפה, זינגט לאַכנדיק
— „עוזר דלים הושיעה נאָ"...
די הקפה גייט זייער געשווינד, אַ געלעכטער, אַ געשפּאַס.

שולץ

אריינקומענדיק מיט דער הארמאָשקע, שפּילט שיכּורערהייט דעם ניגון פון הקפות און פון אַלע ניגונים, וואָס ווערן געזונגען.

נאַדזיראַטעל

טויט-שיכּור, אין עק ראַמפּע מיטן פּנים צום צושויער, דרייט מיט די הענט, ווי מיט פליגל פון אַ ווינטמיל, שרייט.

— איי! גיכער-מיכער, בערקע-שמערקע, יאַנקל פּיצי, יידל, מאָטל, פּאָטל, שאַכער-מאַכער, אָ! גיכער-מיכער אַזוי.

קבצנים

אָפליינגנדיק די ספרים גייען אַ קײַלעכיקס ארום טיש, בלייבן שטיין.

1טער קבצן

זינגט

— אַ מויל האָבן זיי און קאָנען נישט ריידן...

אַלע

— טי-די-די-דאָם, טי-די-די-די-דאָם...

1טער קבצן

אויגן האָבן זיי און קאָנען נישט זען...

אַלע

— טי-די-די-דאָם, טי-די-די-די-דאָם.

1טער קבצן

אויערן האָבן זיי און קענען נישט הערן...

אַלע

טי-די-די-די-דאָם, טי-די-די-די-דאָם....

1טער קבצן

אָבער אונזער פֿאָטערל אין הימל...

דער טויבער באַווייזט זיך אין טיר, בלייבט שטיין, קוקנדיק מיט אויסגעגלאָצטע אויגן איף אַלע אַרום, נאָר אַלע זענען פֿאַרטון מיט די זינגענדיקע און טאַנצנדיקע קבצנים און באַמערקן אים נישט.

1טער קבצן

אָבער אונזער פֿאָטערל אין הימל... וואָס ער וויל, דאָס טוט ער...

אַלע

מיט ברען

— וואָס ער וויל, דאָס טוט ער, וועמען ער וויל גיט ער... אויעקלאָונדיק זיך אין טאַנץ. און וואָס ער וויל דאָס טוט ער... און וועמען ער וויל גיט ער...

דער עקסטאַז וואַקסט און שטאַרבט פּלוצים, ווייל מען דערזעט לעבן דער טיר דעם טויבן.

דער טויבער

ברילט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנען

האַ!... שמחת־תורה?!... טוט זיך אַ לאָז. האַ!!! הקפות!!!

מאַדאַם ביק

אין שרעק

— לאָזט אים נישט אַריין!... לאָזט אים נישט אַריין!!! יידן!!!

שמעון ביק

— טרייבט אים אַרויס!... טרייבט אים אַרויס פון מיין שטוב!

מאַדאַם ביק

— ער איז געקומען הרגענען!

קולות

פון פֿאַרשידענע זייטן:

— טשעפּעט אים נישט!..
— רייצט אים נישט אויף!..
— גייט מיט אים מיט גוטן!..

מאַדאַם

— ער האָט ביי זיך די האַק!!!
ער.. האָט... ביי זיך די... האַק...

שולץ

ארויסרוקנדיק זיך פון צווייטן עולם, גייט צו צום טויבן, קוקט אים א ווײַלע אין פּנים פּאָרזיכטיק, ווערט ביסלעכווייז דרייסטער, טאַפּט אים אַרום, זאָגט אַנטוישט מיט אַ שיכור קול

נישטאָ קיין האַק... אומשעדלעך, גוטע-ברידער... וויל אים אַהעקשטופּן נענטער צום עולם, מאַכט שיכורערהייט אַוועק מיט דער האַנט. גיט אים עפּעס אויסטרינקען דאָרטן.

נאַדזיראַטל

פּאַלנדיק פון די פיס, רעדט צו דער מאַדאַם, וואָס פלאַנטערט, שעפּטשענדיק אים עפּעס אין אויער

— שאַכער-מאַכער, גאָרנישט מאַך ער... איך... איך... האָב אָט דאָס-אָ

טאַפּט זיך ביים רעוואָלווער, וואָס הענגט ביי זיין גאַרטל אין לעדערנעם בייטל, באַווייזט נישט צוצוגיין צום טויבן, ווען דער ארומיקער אויסגעטרונקענער עולם האָט שוין צוגעפירט צום קבצנישן טיש און גיט אים טרינקען.

אָרימעלייט

פילדערן ארום דעם טויבן מיט זייער געזאַנג

— אָבער אונזער גאָטעניו אין הימל, ווען ער וויל גיט ער, און וואָס ער וויל, דאָס טוט ער.

גיסן וויין דעם צעטומעלטן טויבן אין אָפענעם מויל אריין.

דער טויבער

טרינקט מיט אימפּעט דעם וויין, וואָס מען דערלאַנגט אים פון אַלע

זייטן, מאַכט עטלעכע מאָל אָנשטרענגונג, וויל עפּעס זאָגן, נאָר באַוויזט עס נישט צו טאָן, ווייל מען פאַרגיסט אים מיט ווייַן. דער עולם, זינגענדיק „וואָס ער וויל, דאָס טוט ער", נעמט זיך אָן פאַר די הענט, שלעפּט אַריין דעם טויבן אין מיטן און טאַנצט מיט אים אַוועק דורך דער טיר אין די ווייטערדיקע חדרים. עס ווערט טונקעלער, דער געזאַנג דערווייטערט זיך. אין עס־צימער בלייבן צו לעצט יאָסעלע באַבצים און מאַדאַם ביק.

יאָסעלע

צו דער מאַדאַם

— אַזוי איז גאָר בעסער... נאָך בעסער... כ'מיין — דער טויבער... פאַר־קערט, זאָל ער נאָר טרינקען גלייך מיט אַלע... טאַקע דאָ... ביי אייך אין שטוב... וואָס האָט מען מורא? — אַזוי פיל מענטשן... זאָל ער טרינקען !..

יאָסעלע און מאַדאַם

ביידע, סודענדיק זיך — אָפּ אַהין, פונוואַנען עס הערט זיך אַהער דער געזאַנג.

טונקל

איין קיך

די שיין הייבט אָן רעגלמעסיק גרעסער צו ווערן

אסתר

יאָגט אַריין פון הויף זייער געשווינד, ווי אַ מענטש, וועמען מען לויפט נאָך. בלייבט שטיין, טוט זיך אַ יאָג צוריק צו דער טיר, פאַרשליסט זי זייער גיך, הערט זיך איין, טוט זיך אַ טראָג צו דער צווייטער טיר, פאַרשליסט.

— איך זע נישט... ווי עס האָט מיר אָפּגענומען ד ראיה...

דערהערט פּלוצים — מען קלאַפּט אין טיר, וואָס פירט פון הויף. די קלעפּ אין טיר ווערן שטאַרקער.

מענדלס קול

פון יענער זייט טיר

— נו, עפן-זשע!.. עפן, זאָג איך!..

אינעם קול הערט זיך, אז ער איז שיכּור.

פּויזע.

— איך וועל אויסברעכן די טיר, זאָג איך... נו?.. עפנסט?.. עפן, זאָג איך!..

שטיל. עס דערהערט זיך אַ קלאַנג פון אויסגעזעצטע שויבן. מענדל שפּרינגט אַריין דורכן פענצטער.

אסתר

בלייבט שטיין, ווי וואַרטנדיק אויף אַן אָנפאַל.

מענדל

אָפּאָטעמענדיק

— אַזוי?.. אַ?.. אַ?.. אַזוי? נענטער צו אסתּרן: אסתּר... האָסט דאָך מיך ליב געהאַט, אסתּרל... אוי... האָסטו מיך ליב געהאַט...

וויל זיך צורירן צו איר מיט די הענט.

אסתּר

— נישט!.. גיי אַוועק!.. גיי אַוועק!.. גיי!!! גיי דיר!!! קומט צו צו אים זייער נאָענט, קוקט אין קוקט אים אין פּנים אַריין. טוט אים פּלוצים אַ שפּיי:

— נו?.. גיי!..

מענדל

אָפּווישנדיק זיך

— זעסט צי ניין?.. זע נאַר!.. אַ כּעס אַביסל... ווי דער טויבער... אַ? ווי דער טויבער טאַטע דיינער!

גיט אַרויס אומבאַשטימטע קלאַנגען, צילנדיק זיך אויף איר, טוט זיך פּלוצים אויף איר אַ וואָרף, כאַפּט זי אַריין אין שטאַרקע אָרעמס.

אסתר

אײַנגעשרומפּן אין אָנמאַכט, װי זי װאָלט באַשטאַנען בלויז פֿון פֿלײש און בײנער:

— אוי!.. פֿאַרקלעמט די צײן. אומגליקלעך... אומגליקלעך... טו פֿון מײַנעט װעגן אײן זאַך... גזלן... לאָז מיך... אָפּ איצטער־אָ... פּטור װערן... אַזאַ קלײניקײט... בעט איך בײַ דיר... גײ איצטער־אָ אַװעק... טרעפֿסט, שטענדיק טרעפֿסטו װען צו קומען!.. איך בעט דיך, גײ דיר...

מענדל

לײדנשאַפֿטלעך, װיל איר אַ קוש טאָן

— לאָז... לאָז, זאָג איך... װײַז די ליפּן, װײַז...

אסתר

ראַנגלט זיך, רײַסט זיך אַרויס פֿון זײַנע הענט צעפּאַטלט און צעשױבערט, איר פּנים — רויט־פֿאַרגאָסן; זי טוט אַ כאַפּ די האַק, װאָס דער טויבער האָט דאָ פֿאַרגעסן, לויפֿט אַװעק פֿון מענדלען מיט צוריקטריט, בלײַבט שטײן, שרײַט

— גײ!!! גײ פֿונדאַנען!!!

מענדל

טוט זיך װידער אַ לאָז צו איר, נאָר בלײַבט שטײן

— װאַרט נאָר... װאַרט... לײג אַװעק די האַק.

אסתר

מיט דער האַק אין אײן האַנט שליסט אויף די טיר, װאָס פֿירט אין עסצימער, לאָזט זיך אַהין לויפֿן.

מענדל

לויפֿט אַהין נאָך אסתּרן.

אין קיך טונקל.

אין עסצימער

עס הײבט אָן צו װערן ליכטיקער. דער זינגענדיקער עולם,

וואָס האַלט זיך פאַר די הענט, טאַנצט אַהער אַריין אינאיינעם מיטן טויבן פון די ווייטערדיקע חדרים. נאָך די טאַנצנדיקע קומען אַריין: ביק, מאַדאַם, שולץ, וואָס שפּילט אויף דער האַרמאָשקע, און צולעצט — דער שיכורער נאַדזיראַטל. דער טאַנצנדיקער עקסטאַז — מיטן טויבן אינמיטן — דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה.

אסתר

צעפּאַטלט, באַהויזט זיך אין טיר מיט דער האַק אין האַנט, דער־לאַנגט אַ שרעקלעכן קוויטש, פון וועלכן דער גוזאַנג מיט די טענץ הערן אויף מיטאַמאָל. זי בלייבט שטיין.

מענדל

יאָגט אַריין נאָך איר, בלייבט שטיין.

אסתר

קוקט אַ ווײַלע מיט צעשראָקענע אויגן אויפן עולם, דערזעט פּלוצים צווישן די פיל מענטשן דעם טויבן, פאַטער, לויפט צו אים צו.

טויבער

דער־זעט זי, טוט זיך אַ לאָז צו איר, די הענט — פונאַנדערגעווארפן, כאַפּט זי אָן:

— האַ!! אסתר... האַיִ!! אסתר... לאָזט זי אָפּ, קוקנדיק איר שאַרף אין פּנים. דרייט זיך אַרום איר מיט שווערע טריט. אסתר... קום נאָר אַהער... אמת?.. אמת?.. מען זאָגט... אמת?..

אסתר

הייבט אויף די האַק, שרייט מיט די העכסטע טענער צום טויבן אין אויער:

— אמת, ט—אָ—טע!!! הרגע!!! ה—ר—ר—ג—ג—ע!!!

דער טויבער

כאַפּט די האַק, טוט זיך אַ פאַרמעסט אויף אַ יאָג צו געבן רעכטס,

אויף אַ יאָג צו געבן לינקס, טוט זיך אַ לאָז, ווי צו אַטהרן, וואַרפט אים אַ פּאָר מענטשן, וועלכע פאַרשטעלן זי.

דער טומל וואַקסט.

נאַדזיראַטל

טוט אַן עפן דאָס פענצטער אינדרויסן אַרויס, פייפט זייער הילכיק אין זיין פייפל.

דער טויבער

וואַלגערט אום די מענטשן, וואָס ווילן אים פאַרהאַלטן. טוט זיך אַ יאָג צוערשט נאָך מענדלען, נאָר דערזעט פלוצים דעם ביק, וואָס איז אַרויף אויפן שטול.

ביק

שרייט צום עולם

איר האָט געהערט?.. עס איז זי, די חצופה! זי האָט אים געהייסן הרגענען!!!

מאַדאַם

— יידן, ראַטעוועט! יידן, לאָזט נישט!!!

דער טויבער

טוט זיך פלוצים אַ זעץ אַראָפּ זייער נידעריק צו דער ערד, גיט אַ אַ שפּרונג, טוט אַ כאַפּ ביקן, וואַלגערט אים אום, וואַרפט זיך אויף אים אַרויף.

קולות, קוויטשערייען, געשרייען.

ביק

בלייבט ליגן אויף דער פּאָדלאָגע.

טויבער

טוט ווידער אַ שפּרונג, וואַלגערט זיך אויף ביקס קערפּער.

דער עולם
צעלויפנדיק זיך

— ער דערדישעט אים! ער דערדישעט אים!

פאָליציע

קומט אָן, רייסט אָפּ דעם טויבן פון ביק. דאָס צימער ווערט פוסט.
דער קיילעכדיקער טיש מיט די ספר־תורות איבערגעקערט.

ביק

בעת מע העלפט אים זיך אויפהייבן

— זעצט אים איין... זעצט אים איין.

פאָליציע

נעמט פעסט דעם טויבן.

מאַדאַם

אָנווייזנדיק אויף אסתרן

— זי אויך, די חצופה... זי האָט אים געהייסן, ער זאָל דערהרגענען. אַלע האָבן געהערט.

פּאָליציע פירט אַוועק דעם טויבן און אסתרן. שולץ און מענדל פירן אַוועק דעם ביק אין אַ ווייטערדיק צימער. מאַדאַם גייט נאָך פון הינטן, קערט זיך אום, קרעכצנדיק, שליסט דעם אַריינגאַנג פון אויסגעלייַדיקטן עסצימער, גייט ווידער נאָך אַהין, וווּהין מען האָט אַוועקגעפירט דעם מאַן, דערהערט פלוצים, אַז מע קלאַפּט אין דער טיר, וואָס זי האָט נאָר־וואָס צוגעשלאָסן, קערט זיך אום, רופט: „שולץ! שולץ!“
שולץ קומט צו.

מאַדאַם

דערשראָקן

— ווער?.. ווער קלאַפּט?

שולץ

עפנט די טיר.

יולּיק

קומט אריין.

מאַדאַם

— ווער איז?.. צו יולּיקן. ווער ביסטו?..

יולּיק

ארויפקוקנדיק מיט א באַגייסטערט פּנים צום באַלקן:

ס'איז איך... יולּיק דעם פאַרבערס... וואָס שפּילט אויפן פידל... איך בין אַריינגעקומען... איך האָב געהערט: ביי אייך איז ער, דער טויבער... איך דאַרף אים נייטיק, דעם טויבן.

מאַדאַם

אויפגערייצט

— וואָס ווילסטו?!

יולּיק

קוקט באַגייסטערט צום באַלקן

— איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז איך האָב זי ליב, זיין אסתּרן... אַז איך האָב ליב.

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

די מיל

די סצענע

אויבן

דער מיל־גאָרן מיט די טרייב־רימענס אויף בלאָקן, מיט די רעדער און הייב־מאַשין

פינצטער

דאָס עסצימער ביי די ביקס

פינצטער

נאָך העכער אין אַ ווינקל
און אָרעם דאַך־שטיבל

פינצטער

אונטן

אַ פּלאַץ פאַר די מיל־אַמבּאַרעס. דער פּלאַץ פירט צו ווײַטיקע געסלעך.

אויפן פּלאַץ

אָנהייב אָוונט. עס ברענט אַ גאַס־לאַמטערן. לעבן לאַמטערן — אָרעמעלייט, ווייבער און מאַנסבילן מיט ליידיקע מעל־טאָרבעס

אונטער די אָרעמס, צווישן זיי — מער פארמעגלעכע מיט פולע טאָרבעס. ארום די לעצטע — אַ געמורמל:

— ווי טייער?

— וויפל האָט איר געצאָלט?

— פרעגט שוין גאָרנישט.

— מע האָט געצאָלט. וויפל מע האָט זיך געהייסן צאָלן, אַזויפיל האָט מען געצאָלט.

א קול פון אן אָרעמער יידענע:

— באַצאָלן זאָל אים גאָט מיט מכּות, אַזויווי פּרעהן אין מצרים, פּאָטער האַרציקער!

ארום עולם שארן ארום שטרייקנדיקע ארבעטער, קוקן צו, שעפּטשען זיך צווישן זיך. ביים אריינגאנג אין די אמבארן — צוויי פּאָליציסטן, וואָס קוקן ארום יעדן קונה, איידער זיי לאָזן אים אריין.

מענדל

באַווייזט זיך אין אריינגאנג, רעדט צו די פּאָליציסטן:

— אַריינלאָזן, נאָר מיט געלט אין די הענט, נאָר מיט געלט אין די הענט, צו אַ קבצן. וואָס וואַרטשעט איר דאָרטן?! איר ווילט נישט, טאָ קויפט נישט. מען נייט אייך נישט

מענדל — אָפּ.

קולות

פון צווישן דעם עולם:

— זעט נאָר די גרויסקייט זיינע!

— ער נעמט זיך נאָך איבער!

— מיטן ממזר מיט זייגעם נעמט ער זיך איבער.

צווישן עולם — אַ געלעכטער, וואָס גייט איבער אין אַ מורמל פון בעס.

איינער

לויפט אָן מיט אַ טאָרבעלע אונטער דער פּאַכווע פונעם זייטיקן געסל

— אָן דאָרט! אָן דאָרט! ביי חיים דעם מוטשניק לייכט זיך אין

קראָם; ער פאַרקויפט מעל, אויף דער הינטער-טיר; מע צאָלט אים אין טאָג אַריין!

דער עולם

אַהעקלויפנדיק אין זייט-געסל

— לאָזט נישט!
— גיט אים איבער די הענט!
— שלאָגט אים די פענצטער!
— שלאָגט אים די פענצטער!

אַלע לויפן אַוועק אין זייט-געסל. ביים אריינגאנג אין די מעל-אמבארן, נישט ווייט פון די צוויי פּאָליציסטן, בלייבט בלויז אַן אָרעם ווייבל, אַ קראַנקע, זי קוקט פאַרצווייפלט.

דריי פארמעגלעכע פרומע יידן: פיינע קאַפּאָטעס, גע־קרייזלטע פּאות, גייען ארויס פון די'מעל-אמבארן, אויפן פּלאַץ, טראָגן יעדער צו פולע טאָרבעס מעל.

1טער פרומער ייד

— זי איז דאָ אין שטאָט, דעם טויבנס טאָכטער — אסתר! כע—כע—כע! זי וויל נישט אַוועקפאָרן...

2טער פרומער ייד

לאַכנדיק

— אַז זי וועט האָבן דעם ממזר, וועט מען אים דאַרפן אַ נאָמען געבן „מענדל ברב מענדל". אַלע לאַכן. דער זיידע, פּאַני ביק, הייסט — „רב שמעון ברב שמעון" און דאָס אייניקל — „מענדל ברב מענדל".

דאָס קראַנקע ווייבל

— יידן, האָט רחמנות... איך בין קראַנק... איך האָב אַ לונג-פעל... מיין מאַן שטרייקט שוין דעם דריטן חודש, באָרגט אַ קאָפּעלע. גלעט מיט די דאַרע ציטערנדיקע הענט איין יידנס פולע טאָרבע. מעל!... מעל!..

די פרומע יידן

קוקן זיך צו איר נישט אום. בלויז איינער מאכט זי פון זיך אָפּ מיט א באַוועגונג פון די הענט און פון די בייזע אויגן:

— גייט אייך... גייט אייך געזונטערהייט...

דאָס קראַנקע ווייבל

בלייבט שטיין מיט אויסגעצויגענע הענט, בעת די פרומע יידן גייען פאַרביי.

1טער פרומער ייד

מיט א ניגון פון גמרא

— מן הדין, אַז אַ בת-ישראל האָט אַ ממזר, איז מען בפירוש מחויב אים מל צו זיין, נאָר וואָס-זשע דען?..

2טער פרומער ייד

ווי ער וואָלט לערנען גמרא

— נאָר וואָס־זשע דע—ען?..

3טער פרומער ייד

— צי קאָן מען דען ביי אַזוינער וויסן?..

1טער פרומער ייד

צעוואַרימט, מיט התפעלות אינעם גמרא-ניגון, דרייט מיטן גראָבן פינגער

— אָט—אָט—אָט... צי קאָן מען דען ביי אַזוינער וויסן, טאָמער איז זי גאָר בשעת מעשה געווען אַ נידה...

2טער פרומער ייד

כאַפּט אונטער מיט אַ זיסן גמרא־ניגון

— אָט־אָט־אָט... טאָמער איז זי גאָר געווען אַ נידה...

3טער פרומער ייד

— אַז מע טאָר נישט.

1טער פרומער ייד

— טאָר מען נישט.

2טער פרומער ייד

— טאָר מען נישט.

3טער פרומער ייד

— טאָר מען נישט...

אַלע דריי יידן — אָפּ. אויפן פּלאַץ לאַנגזאַם פּינצטער.

קראַנקע ווייבל

מיט אויסגעצויגענע הענט

— יידן !

פון זייטיקן געסל הערן זיך קולות פונעם אוועקגעלאָפענעם צעררייצטן עולם און קלאַנגען פון אויסגעשלאָגענע פענצטער.

דאַך - שטיבל

יוליק דעם פּאַרבערס

מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיטן רוקן צום צושויער — אויפן פּירל.

חבר צאַלי

ליגט אונטער אַ שפּאַניער־ווענטל, שלאָפט אין די קליידער, שטייט אויף, געגעצט, אַרויסקומענדיק פון אונטערן ווענטל, קוקט פאַרחונדערט אויף יוליקן, וואָס שטייט צו אים מיטן רוקן און שפּילט, דערנענטערט זיך פּאַמעלעך, רירט אָן יוליקן פאַרן אַקסל

— הער נאָר !..

יוליק

הערט אויף שפּילן, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ מיט די אויגן צום באַלקן:

— אוי!.. איך וואָלט געמעגט שווערן: חבר צאַלי... פון צענטער... איר זענט דאָך חבר צאַלי.

חבר צאַלי

— שש—שאַ! מיך האָט מען אַהער אַריבערגעפירט ביינאַכט, ווען פּאָ-ליציע האָט געגומען זוכן. שפּאַנט איבערן צימער. איך פאַרשטיי נישט צו וואָס האָלט מען מיך נאָך דאָ? ווערט אויפגערעגט. דער שטרייק איז פאַרשפּילט, פאַרשפּילט, נו יאָ... פאַרשפּילט. איך האָב פריער געוווּסט. איך פיל זיך: אַ דאָקטאָר לעבן אַ טויטן פּאַציענט. איך האָב זיי געבעטן: „חברים, שיקט מיך אָפּ, פירט מיך אַרויס פון אָט די געסלעך. פּאָליציע לאָקערט אויף מיר ביי יעדן טויער. איך האָב גאָר אויף היינט נאָך אַ פאַרזאַמלונג ביי די בלעכער... איך האָב דאָ נישט מער, וואָס צו טאָן". איז ניין: איך זאָל נאָך וואַרטן... וואַרטן... אויף וואָס זאָל איך דאָ וואַרטן? בלייבט שטיין, באַקוקט יוליקן. ווער ביסטו, אייגנט-לעך?.. אַ חבר?

יוליק

— איך?.. איך בין יוליק!..

חבר צאַלי

— כאַפּ זיך אַרויס, איך בעט דיך, זוך אויף בנימינען און כאַסקלען, זאָג זיי: איך האָב געבעטן, מע זאָל מיך אַרויספירן פון דאַנען. וואָס האַלטן זיי מיך דאָ, ווי אין אַ טורמע?

יוליק

— ניין, איך קאָן פון דאַנען נישט אַוועקגיין. ווייזט מיט דער האַנט. דאָרט וווין איך — אין אַנדערן חדר, און דאָ אין אַלקער וווינט מיין מומע, אַ שניידערקע איז זי. זי איז ביי די שטרייקער אין קאָמיטעט, זי האָט מיר באַפוילן, איידער זי איז אַוועק: אַז איך

זאָל שטיין דאָ און זאָל שפּילן, אַהער האָט זי געזאָגט, וועט קומען אסתּר... איר ווייסט נישט? זי איז דאָ אין שטאָט, אסתּר?...

חבר צאַלי

ארומשפּאַנענדיק

— נו, אָט געלאָזט דאָ אַן אידיאָט, ער זאָל מיך היטן.

גייט אוועק צוריק הינטערן שפּאַניער-ווענטל, לייגט זיך אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ.

יוליק

טוט א פּאָר שפּאַן צום שפּאַניער-ווענטל, בלייבט שטיין מיט די אויגן צום באַלקן.

— ווי מיינט איר? אסתּר... אסתּר האָט אים טאָקע ליב געהאַט — מענדלען?..

פון אונטערן שפּאַניער-ווענטל ענטפערט קיינער נישט. א פּויזע. ארויסקוקנדיק צום באַלקן, קערט זיך יוליק אום, שטעלט זיך פּאַמעלעך אויפן פריערדיקן פּלאַץ מיטן פּנים צו דער וואַנט, שפּילט.

עס דערהערט זיך פּלוצים א פייף פון דער מיל.

חבר צאַלי

לויפט ארויס פון הינטערן ווענטל, הערט זיך איין

וואָס זאָל דאָס הייסן?

יוליק

מיט גרויס וווּנדער

— אוי!... די מיל האָט אַ פייף געטאָן!

חער צאַלי און יוליק ביידע הערן זיך איין אין א לאַנגן פייף.

פינצטער.

אין מיל-גאָרטן

ביי א האַנט-לאַמטערן, וואָס באַלייכט אין דער פינצטער שולצן און מאַדאַם ביק.

שולץ

פאַרדרייענדיק אין איילעניש מיט אַ שליסל די שרויפן ביי דער ראָד, צווישן די בלאָקן מיט די טרייב־רימענס.

— דער שליסל נעמט נישט... צו אַלע שוואַרצע יאָר!

מאַדאַם ביק

פלאַטערט איבער אים

— די מיל... זי זאָל גיין... זי זאָל גיין... הער שולץ! אַבי זי זאָל גיין... זאָל מען דערלייגן צום מאָלן, נאָר זאָל מען וויסן, אַז די מיל גייט... אָן זיי... אויף צו להכעיס, אויף צו להכעיס, הער שולץ!..

שולץ

אַרבעטנדיק מיטן שליסל

— איר פאַרשפּאָרט מיך צו בעטן. מיר איז אַלץ איינס. איך האָב נישט ווּעמען צו טאָן אויף צו להכעיס. איך?... איך בין אַ דייטש. איך האָב ליב די אַרבעט, איך האָב ליב די מיל — אַ מיל איז גע־מאַכט געוואָרן צו מאָלן און נישט אויף צו שטיין פּוסט... נו, אָט... נעמט ווידער נישט דער שליסל. אַז ס׳איז פינצטער. די לעצטע שרויף... דרייט דעם שליסל מיט כעס. מען זעט נישט. ווען מען לייכט באָטש צו... נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל מיר האַלטן דעם לאַמטערן.

מאַדאַם ביק

איך וועל צולייכטן! בייגט זיך, ווי אַ האַלב־פּאַראַליזירטע. מיינע קראַנ־קע פיס... מיינע הענט די האַלב־געלעמטע... העלפט מיר! דינט מיר, הענט מיינע, נאָך איין — מאָל... נאָך איין־איינ־ציק מאָל!

דרייט אין גרויס אָנשטרענגונג דעם לאַמטערן, דריקט אים מיט האַלב־געלעמטע הענט צום אויסגעקיילעכטן בויך.

שולץ

— פאַרטיק. וואַרפט אַוועק דעם שליסל, גייט צו צו דער הער־רער, וואָס אין דער וואַנט, שרייט אַריין. סיגנאַל!!! ליכט!

די טרייב־רימענס מיט די רעדער הייבן זיך אָן דרייען. עס דערהערט

זיך א הודאָק, א לאַנגער און אויסגעצויגענער, און אין דער זעלבער צייט הייבט אָן רעגלמעסיק צו באַלויכטן ווערן דער שוואַרצער דורכשניט אין דער וואַנט, ווו עס האָט צו דורכגיין די הייב-מאַשין. דאָס ליכט קומט רעגלמעסיק פון אונטן אַרויף. און אויף וויפל עס פאַרשטאַרקט זיך, אויף אַזוי פיל דערוזעט מען אַלץ מער און מער, אַז די שטריק פון דער הייב-מאַשין באַוועגן זיך.

מאַדאַם ביק

אומרויק, ווייזנדיק אויף די באַוועגלעכע שטריק

— זי גייט, די הייב-מאַשין?! ווער האָט זי דען געלאָזט?

שולץ

קוקט אויך פאַרוואונדערט צו די באַוועגלעכע שטריק, קנייטשט מיט די אַקסלען שטיל. אין מיל־גאָרן ווערט אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. אין וואַנט-דורכשניט הייבט זיך אָן צו באַווייזן די הייב-מאַשין און אויף איר — דער טויבער.

מאַדאַם ביק

אין גרויס שרעק

— ההה־אַ?!... ווי קומט ער אין מיל?!... ווער האָט אים אַריינגעלאָזט?

רוקט זיך אָפּ אויף אירע האַלב-געלעמטע פיס. פאַרשווינדט.

דער טויבער

גייט אַראָפּ מיט שווערע טריט פון דער מאַשין, ווען זי גלייכט זיך זיך אויס מיטן מיל-גאָרן, וואַרטשעט מיט ווערטער, וואָס מען קאָן זיי נישט פאַרשטיין.

שולץ

קוקנדיק אויפן טויבן

— אָט האָסטו דיר!... גייט פאַמעלעך צו צום טויבן, טוט אים אַ ריר פאַר אַ האַנט. וואָס טוסטו דאָ?

טויבער

— האַ?

שולץ

ווינקט מיט די הענט

— וואָס טוסטו דאָ?

טויבער

איך?.. קוקט אָן שולצן. און דו?... וואָס טוסטו דאָ?...

שולץ

הייבט אָן זיך אָפּצורוקן.

טויבער

— איך זוך... זי... אסתרן זוך איך. האַ? מיין אסתרן... זי באַהאַלט זיך. זי האָט מורא, איך וועל זי שלאָגן... האַ?... איך וועל זי נישט שלאָגן, הערסט?... געקומען צו מיר זיי — בנימין, כאַסקל, מיר געזאָגט: „וואָס האָסטו צו אסתרן? וואָס איז זי שולדיק?" ווינקט צו שולצן. קום אַהער... ווער איז שולדיק?... האַ?... געקומען צו מיר פרומע יידן... מיר געזאָגט: טויבער הרגענען?!... מע טאָר נישט הרגענען!... יאָ... קום אַהער: פאַרוואָס טאָר מען נישט?...

שולץ

— ווער האָט דיך אַריינגעלאָזט אין מיל?

טויבער

— האַ?..

שולץ

— דורך וואַנען ביסטו אַהער אַריינגעקומען?

טויבער

— איך?... מאַכט אַוועק מיט דער האַנט. איך ווייס אַלע אַריינגענג.

פאַר מיר וועט מען נישט אָפּשליסן. איך וועל אַריין דורכן קוימען־
מע האָט מיר געזאָגט: „מע לאָזט דורך די מיל, גיי אין מיל, האָט
מען מיר געזאָגט, ביסט אַ שותף, האָסט אַריינגעלייגט דיין געזונט,
האָסט אַריינגעלייגט אסתּרן"... מיין אסתּר... איך זוך אסתּרן, זוך
איך... צו זיך אליין. זי באַהאַלט זיך פון מיר... זי האָט מורא איך
וועל זי שלאָגן... צו שולצן. מיך אַרויסגעטריבן — די טאַנדייט־
ניטשקע... אַרויסגעוואָרפן מיין בעט אין דרויסן... איך האָב נישט
ווו צו וווינען, וועל איך וווינען אין מיל... איך וועל וווינען ביים
ביק. לאָזט זיך נענטער צו שולצן. דער ביק, אָ!... דער ביק...

אויפן לייטער מיט די שווינדל־טרעפּ באַווייזט זיך צוויי פּאָליציסטן מיט
מענדלען.

מענדל

הינקט צו די פּאָליציסטן, זיי זאָלן נעמען דעם טויבן.

טויבער

דערזעט די פּאָליציסטן, מיט אַ לויף, שפּרינגט אַריין אין דער הייב־
מאַשין, גיט אַ ציִ פאַרן שטריק, ווערט פאַרשוווּנדן אין אַ העכערן
מיל־גאָרן.

פינצטער.

אין עסצימער

האַלב טונקל.

ביק

זיצט איבער קאָנטאָר־ביכער ביי אַ סטעאַרן ליכט, וואַרפט אויפן „שטשאָט".
פיר מעל־קרעמער זיצן אַרום טיש.

1טער מעל־קרעמער

— פּאַני ביק, איר נעמט אָן פאַרן האַלז... איר וואַרגט!

2טער מעל-קרעמער

— נו... נאַט אייך מיין האַלז, נעמט... וואַרגט...

3טער מעל-קרעמער

— נו, איר זאָלט וועלן אַפילו נאָך אַ דעגישקע...

4טער מעל-קרעמער

— אַזוי טייער ?... מ'עט דען קויפן ?

ביק

— פראים... איך אַליין ! — איך קויף ביי אייך צוריק דאָס מעל.

1טער מעל-קרעמער

מיט אַלע כבודן.

2טער מעל-קרעמער

מיר פאַרקויפן.

שטרעקט אויס צו ביקן די הענט אויף צוצושלאָגן

3טער מעל-קרעמער

— סיי-ווי-סיי ליגט אונזער מעל ביי אייך אויף די סקלאַדעס.

4טער מעל-קרעמער

— אונזערע קראָמען זענען, דאַנקען גאָט, פוסט.

ביק

— איך קויף ביי אייך, נאָר אַלע סאָרטן מעל... יענע סאָרטן, וואָס איר וועט ברענגען פון אַנדערע מילן, קויף איך אויך. וויפל ווילט איר ריווח ?

1טער מעל־קרעמער

ריווח? קוקט זיך אדורך מיט די אנדערע מעל־קרעמער. וויפל זאָלן מיר וועלן ריווח?

2טער מעל־קרעמער

צו ביקן

— לאָמיר הערן אייער יושר.

ביק

רויוח... אומשטיינס געזאָגט. וואָס פאַרקויפט איר מיר דען? דאָס מעל איז דאָך נאָך מיינס, איר האָט עס דאָך גאָר פאַראַדערויפט.

3טער מעל־קרעמער

— וואָס מיר פאַרקויפן אייך? — דעם כבוד פאַרקויפן מיר אייך. אָרעמעלייט שעלטן מיך אין טאַטן אַריין? איז צאָלט מיר דערפאַר. מיין טאַטע, מיינט איר, איז ביי מיר הפקר?

4טער מעל־קרעמער

— יאָ, יאָ! פאַרוואָס זאָלן מיר זיין הולטאַיעס גלייך מיט אייך? אומזיסט?

ביק

— איז, הייסט עס, בין איך אַ הולטאַי?

1טער מעל־קרעמער

— ניין... איר?... איר זייט אַ „צדיק"...

בעת דער לעצטער קרעמער רעדט דערהערט זיך אַ פייף פון מיל.

ביק

שפרינגט אויף מיט פרייד

— די מיל גייט ווידער!

מאַדאַם ביק

רוקט זיך אריין אין טיר

— אַ—אַ—אַ—אַ — !!!... ער איז דאָ אין מיל... דער טויבער!!!... ער איז געקומען הרגענען...

ביק

אין שרעק

— ווו איז ער? ווו?...

מאַדאַם ביק

אין חלשות

— מע יאָגט זיך נאָך אים!... מע קאָן אים נישט כאַפּן.

אַ מעל-קרעמער

לויפט צו צום טיש, פארלעשט פון שרעק דאָס ליכט.

פינצטער

ביק

— עס וועט נישט העלפן! די מיל וועט גיין!!! די מיל וועט גיין!!!

אויפן פּלאַץ

פון זייט-געסל — אַ גוואַלד, אַ קול פון איינעם, וועמען מע שלאָגט. אַ געמורמל פון פיל קולות. דאָס שרייענדיקע קול דערנענטערט זיך און מיטן קול — דער געמורמל פון אַ גרויסן עולם. אַז דער מענטש, וואָס שרייט, קומט צו צום לאַמטערן, איז אויף זיין קאָפּ אַריבערגעוואָרפן אַ זאַק. ווען אַ פּאָליציסט שלעפּט אַראָפּ פון אים דעם זאַק, דערזעט מען, אַז דאָס איז יאָסעלע באָבצים.

יאָסעלע

שפּאַרנדיק זיך צום לאַמטערן-סלופּ

— אוי, גוואַלד!... אוי, גוואַלד!... געשלאָגן... אוי!... זיי האָבן מיך גע-ממיתט... זיי האָבן מיך דערהרגעט, דערהרגעט!!!

ער טאַפּט מיט די הענט, צי עס גייט בלוט פון נאָז.

פון דער זייט-געסל לויפט אָן דער אָרימער עולם — מיט לײדיקע מעל-טאָרבעלעך, וואָס איז פריער אוועק אהין, שלאָגן בײם מעל-קרעמער די פענצטער.

פּאָליציסט

צו יאָסעלען

— ווער ?

יאָסעלע

— טיע ! ... זיי, זיי, זיי... די זאַבאַסטאָווטשיקעס... זיי, זיי... מיך באַפאַלן פון הינטן... אַרויפגעוואָרפן אויף מיר דעם זאַק...

פּאָליציסט

— ווער ?!

יאָסעלע

וויינענדיק

— כ'האָב נישט געזען, ווער... כ'האָב נישט געקאָנט זען, ווער... אוי !... זיי האָבן מיך געממיתט, געממיתט...

א קול צווישן דעם עולם

— וואָ-דען ?.. אַז ער טראָגט אַלצדינג אָפּ צום ביק...

אַ קול

— ער ברענגט דעם ביק שטרייק-ברעכער !

אַ קול פון אַן אַרבעטער

— נו, יאָ !... גיט מען אים דערפאַר שמעקן בשמים !

יאָסעלע

צום פּאָליציסט

— יאָ, יאָ... יענער, דער צוגעשיקטער... פון צענטער... ער איז נאָכ-אַמאָל דאָ אין שטאָט... ער איז דאָ, ער איז דאָ...

פּאָליציסט

— ווּ איז ער דאָ?

יאָסעלע

— ווּ?.. קוקט זיך אַרום צעטראָגן, זאָגט נאָך דעם פּאָליציסט מיט אַ חיי־נענדיק קול. „ווּ איז ער דאָ? ווּ איז ער דאָ?"... זיי באַהאַלטן אים אויס... חבר צאַלי׳ הייסט ער ביי זיי, טיע, טיע, טיע... חבר צאַלי׳ וויזט אויפֿן זייט־געסל׳ ווּ מען האָט אים געשלאָגן. אפשר דאָרט איז ער... אפשר דאָרט...

פֿון צווישן דעם עולם

קולות

— ער מסרט.

— ער איז אונטערגעקויפט פֿונעם ביק!

— פֿאַרמאַכט אים דעם פּיסק!

— לאָזט אים אַרויס די קישקעס, דעם ווערעמדיקן!

קול אינמיטן דער מענגע

— לאָזט מיך צו אים! לאָזט מיך צו אים!

ביק

באַווייזט זיך ביים אַריינגאַנג אין מיל־הויף צווישן די צוויי פּאָליציסטן.

יאָסעלע

לויפֿט צו צו ביקן, ווי ער וואָלט וועלן הינטער אים זיך באַהאַלטן.
קולות פֿון צווישן עולם:

— אָט איז ער!

— דער ביק אַליין!

— ער האָט עס אינגאַנצן פֿאַרקאָכט!

— ער אַליין איז שולדיק!

— ער האַלט אין הונגער אַ גאַנצע שטאָט!

ב י ק

— שש — אַ!.. איך בין שולדיק? ווייזט אויף די אַרבעטער, וואָס צוישן עולם. אָט זיי זענען שולדיק!.. איך האַלט די גאַנצע שטאָט אין הונגער?.. דאָס איז זיי... זיי האַלטן אייך אין הונגער. איך?.. וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב מעכאַניזירט די מיל...

יאָסעלע

פון אונטער ביקס פּלייצע

— אַוו—טאָ—מאַט...

ב י ק

— איך בין שולדיק... אַ?.. אין אַלץ בין איך שולדיק... איך אַליין אַ? כ׳האָב אָפּגעזאָגט איבריקע אַרבעטער?.. חוטא-בעגל געווען... איינער טוט זיך אַ זאָג, אַלע זאָגן אים נאָך, און שוין, פּאַרטיק: „שמעון ביק — אַ פּאַסקודניאַק! אַ בלוט-זייגער! נעמט פון אים שטי-קער!”... נו?.. נעמט פון אים שטיקער... נו? — נעמט... זיפּצט. איי, יידן, יידן!.. עס זאָל כאָטש זיין צווישן אייך איינער, וואָס זאָל עפּעס פאַרשטיין, וואָס זאָל עפּעס קאָנען אַ טראַכט טאָן: „אולי — טאָמער, אפשר... אפשר איז גאָרנישט אַזוי די מעשה?” הערט נאָר צו!.. כ׳האָב אָפּגעזאָגט איבריקע אַרבעטער... נו, יאָ, כ׳האָב געמאַכט דעם חשבון; כ׳האָב אים געוויזן זיי, אייערע חכמים — בנימינען מיט כאַסקלען: די אַרבעטער-שכירות טאָר נישט באַטרעפן מער ווי דרייסיק פּראָצענט פונעם גאַנצן אָבאָראָט אין מיל, אַז נישט, איז שלעכט, אַז נישט, קאָן מען נישט קאָנקורירן מיט אַנדערע מילן, אַז נישט, מוז מען אָפּשטעלן די מיל. נו?.. האָב איך אַריינגעשטעלט נייע מאַשינעס אין מיל. נו, יאָ, כדי דאָס מעל זאָל קאָסטן ביליקער. די מיל וואָלט געווען אָפּגעאַרבעט אַביסל, אויסגעצאָלט אַביסל פּאַר די מאַשינעס, איך וואָלט געווען געזען: די אַרבעט קאָסט ביליקער, וואָלט איך געווען געשטעלט די פּרייז פון מעל ביליקער. ווּעמענס טובה וואָלט עס געווען? דער שטאָטס טובה — זאָלן אָרעמעלייט האָבן ביליקער מעל. זענען זיי געקומען, אָט־אָ־די־אָ, די זאַבאַסטאָווּשטשיקעס, און

האָבן אַראָפּגענומען זייערע חברים פון דער אַרבעט. די מיל איז גע־שטאַנען די גאַנצע צייט. אויף וועמענס חשבון? — אויף אייער איי־גענעם חשבון. אויפן חשבון פונעם מעל. וואָס מאָנט איר ביי מיר?.. פאַרוואָס?.. — ווייל איך האָב אַביסל געלט?.. איז ראשית — הלמאי זאָל איך זאָגן אַ ליגן? — מיין ביסל געלט וויל איך נישט דערלייגן. און שנית, מאָלט אייך אויס: כ'האָב עס שוין דערלייגט... נו?.. איז שוין צוגעקומען נאָך איין קבצן אין שטאָט... נו?.. איז אייך שוין גוט?.. וואָס מאָנט איר ביי מיר?.. מאָנט ביי דער מיל... מאָנט ביי זיי, וואָס האָבן די מיל אָפּגעשטעלט...

כ אַ ס ק ל

ארויסרוקנדיק זיך פון עולם

— ביי אונז מאָנען, אַ?.. ביי אונז, ווען איר האַלט אין הונגער שוין דעם דריטן חודש...

ב נ י מ י ן

ארומקוקנדיק זיך פון צווישן עולם

— מיט אונזער שווייס האָט איר דאָך אויסגעבויט די גאַנצע מיל! איר האָט געהאָט אַ קליין ראַזעווע מילעכל, ווען מיר זענען אָנגעקומען צו אייך אַרבעטן!

אַ ן אַ ר ב ע ט ע ר

ארויסרוקנדיק זיך פון עולם

— ס'איז אונזער בלוט! ס'איז אונזער מיל!

ב י ק

— אַזוי?!.. דיין מיל! האָסט זי געירשנט פון דיין טאַטן? קוקט אָן אַלע דריי אַרבעטער, וואָס האָבן זיך ארויסגערוקט פון עולם.נננאַ!.. אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל, געשלאָגן יאָסעלען — נבאַ! דאָס איז אַלץ, וואָס איר קאָנט טאָן. שרייט. און די מיל וועט דאָך גיין!!! און די מיל וועט דאָך גיין!!! אַ מיל ווייסט נישט קיין חכמות. אַ מיל מוז גיין!..

ד ע ר ע ו ל ם
שרייט, שעלט.

ב י ק

— קוקט!

עס באוועגט זיך דער העל־באלויכטענער מיל־גארן — די טרייב־רימענס מיט די רעדער דרייען זיך. אין דער זעלבער צייט הערט אויפן פלאץ פינצטער. פון דער פינצטער הערן זיך שטורעמדיקע קולות פונעם עולם. א ווײַלע זעט מען דעם באלויכטענעם מיל־גארן — פינצטער איבעראל.

ד אַ ך ־ ש ט י ב ל

יוליק — שפילט, ווי פריער מיטן רוקן צום צושויער, חבר צאלי ליגט ווי פריער אונטערן שפאניער־הענטל.

י ו ל י ק
אויפהערנדיק שפילן

— מע האָט מיר געהייסן שפילן די גאַנצע צייט... כדי מע זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אַז איר געפינט זיך דאָ... אָבער איך האָב שוין אויסגעשפילט אַלץ... מער ווייס איך נישט וואָס צו שפילן.

ח ב ר צ אַ ל י
פון הינטערן שפאניער־ווענטל

— שפיל, שפיל... אַ האגה... שפיל נאָכאַמאָל פון אָנהייב...

י ו ל י ק

— איך קען אייך שפילן אַ זאַך, וואָס הייסט ביי מיר „די מיל”: וואַרט: איך קאָן אייך שפילן אַ זאַך, וואָס הייסט ביי מיר „דער שטרייק”... איר פאַרשטייט צי ניין? מיין מומע זאָגט: איך טויג צו

קאַרנישט. וואָרים אַלץ, וואָס איך הער און זע, ווילט זיך מיר רק דאָס אויסשפּילן אויפן פידל...

עס לויפן אַריין בנימין און כּאַסקל, בלייבן שטיין בײַ דער טיר.

חבר צאַלי

שפּרינגט אַרויס פון הינטערן שפּאַניער־ווענטל

— נו, וואָס?..

בנימין

— דער עולם אײַנדרויסן זידט, קאָכט... דער עולם איז גרייט..

כּאַסקל

צו חבר צאַלין

— אַלע זענען אין גאַס... אין די הינטערגעסלעך איז קיין איין מענטש אין שטוב נישט געבליבן.

בנימין

— אַלע זענען גרייט. אַלע זענען אויסער זיך... מע זידט, מע ברענט. נו, איצט קום. מוזט אַרויסגיין צום עולם... מוזט זיי זאָגן, וואָס זאָל מען טאָן...

חבר צאַלי

שפּאַנט אַרום איבערן צימער

כּאַסקל

— ביסט דאָך דערויף עפּעס צוגעשיקט פון צענטער, נו! גיכער!..

בנימין

— יעדע רגע איז טײַער. וואָס שטייסטו? קום!..

חבר צאַלי

אַרומשפּאַנענדיק

— נו, וווּהין גיין? וואָס גיין? וואָס קאָן מען איצט די מאַסן זאָגן? וואָס קען מען דאָ הייסן טאָן? רייבט זיך דעם שטערן, שפּאַנט אינטענסיוו. כ'האָב דאָך מיט אייך געטענהט... געקנעלט: אַרויסגייענדיק פונעם שטאַנדפּונקט, אַז ערשט דאַן גייט דער קאַפּיטאַליזם איבער אין זיין אַנטיטעזע — דער סאָציאַליזם, ווען ער, דער קאַפּיטאַליזם, דערגרייכט צום העכסטן פּונקט פון זיין אַנטוויקלונג; אַרויסגייענדיק פונעם פּרינציפּ, אַז נישט דער אָביעקטיווער ווונטש פירט אָן מיט די געשעענישן, נייערט דער אָביעקטיווער גאַנג פון די געשעענישן פירן אָן מיטן סוביעקטיוון ווילן — נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אַזעלכע סאָרטן אויפשטאַנדן זענען נישט קיין אָביעקטיווע, רייף-געוואָרענע רעוואָלוציאָנערע אַקטן, נאָר אַנאַרכיסטישע ערשיינונגען, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און זיי זענען שעדלעך שוין מיט דעם אַליין...

כאַסקל

צו בנימינען

— וואָס זאָגט ער?..

בנימין

קניטשט מיט די אַקסלען.

חבר צאַלי

אַרומשפּאַנענדיק, נישט אומקוקנדיק זיך צו בנימינען און כאַסקלען

— נעמענדיק אין באַטראַכט: 1) פון איין זייט די אָביעקטיווע עקאָנאָמישע לאַגע, 2) פון דער אַנדערער זייט די כּוחות-פאַרהעלטנישן פון דער געזעלשאַפט גופא, 3) אַז פריצייטיקע מאַסן-שלאַכטן פאַרן סאָציאַליזם קאָנען ברענגען דעם סאָציאַליזם נאָר שאָדן, 4) אַז מיר האַלטן נאָך אַלץ ביים לאַנג-דויערנדיקן פּראָצעס פון...

אַ ן אַ ר ב ע ט ע ר

אַריינלויפנדיק פון דרויסן אין צימער

— דעם טויבן!!!.. מע האָט אים געכאַפּט... דאָרט... אין מיל... מע שלאָגט דעם טויבן... פּאָליציסטן!! דאָרט אין מיל-הויף... אוי... מע הרגעט אים... אוי, ממיתט מען אים...

א ס ת ר

באַווייזט זיך אין טיר, שטייט אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט, קוקט אויף די, וואָס געפינען זיך אין צימער, ברעכט די הענט

— מע שלאָגט אים... ער שרייט... ער שרייט... איר הערט נישט?.. איך הער... אוי, שרייט ער... מיט אַ ניגון, ווי ווײַבער זינגען דאָס דאַוונען, פאַרטראַכט. אוי, איז מען זיך נוקם... צו די אַרומיקע. חברים!.. טוט עפּעס, העלפט. ראַטעוועט אים.. נו?.. וואָס שטייט איר און קוקט אויף מיר, ווי ליימענע באָקן!?.. קיינער!..

אַ ר ב ע ט ע ר

— קומט!.. קומט אַהין!..

כ אַ ס ק ל

צו חבר צאַלין

— קום דו אויך... מיט אונז... איצט איז נישטאָ מער קיין געגנעראַלן... אַלע, אַלע גייען מיר...

ח ב ר צ אַ ל י

אָנווייזנדיק צום צווייטן צימער

— וו—וו—וואַרט!.. קוקט זיי אָן. קומט, קומט נאָר אַ ווײַלע מיט מיר אַריין אַהער.

בנימין, כאַסקל און דער דריטער אַרבעטער גייען אים אַהין נאָך.

א ס ת ר

ווי אויפכאַפּנדיק זיך

— אוי, שרייט ער!... וואָס זאָל מען טאָן?... זאָגט...

ח ב ר צ אַ ל י

פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר פון צווייטן צימער

— איז דעריבער... אַרויסגייענדיק פון דער הנחה: 1) אַז דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם איז אַ דויערנדיקער היסטאָרישער פּראָצעס, 2) אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַקומעלירן כוחות פאַר זיין ענדגילטיקן ניצחון, 3) אַז יעטווידער איינציקער נישט ענדגילטיקער מאַסן-קאַמף איז אַ פאַרשווענדונג פון פּראָלעטאַרישער ענערגיע און אַ סתירה צום היסטאָרישן פּראָצעס...

פארמאַכט ענדגילטיק די טיר.

יוליק

צו אסתרן, וואָס זיצט פארלוירן

— אסתר... אסתר... מאַכט אַ פּאָר שריט צו איר, בלייבט שטיין. מיין מומע האָט מיר געזאָגט: ווען דו זאָלסט וועלן מיט מיר חתונה האָבן, וואָלטן מירביידע געוווינט דאָ, אין דער מומעס אַלקער... און זי, די מומע, וועט וווינען דאָרט אין דעם קלענערן אַלקער... דערזעט, אַז זי זיצט אַלץ פארלוירן. אַ? אסתר?... פארטראַכט זיך. וואַרט אַ קאַפּעלע... איך וועל שפּילן... תמיד, אַז איך טראַכט וועגן דיר...

כאַפּט זיך צום פידל.

אסתר

ווי אויפכאַפּנדיק זיך, נושט קוקנדיק צו קיינעמען

— דאָ, ביי דיר... זיי אַלע שלענג-שלענג!... און דו... קוקט אויף אים, נעמט אים אַרום. האָסט מיך ליב... וועסט מיך לאָזן... דאָ ביי דיר... פ..ר ווערן!... קוקט זיך אַרום. גיי... גיי אַהין... אין גאַס, גיי אַ ווײַלע... גיי, גיי...

יוליק

האַלב-דערשראָקן

— יאָ... איך גיי... איך גיי...

שרעקנדיק זיך פאַר אסתרס אויסזען, פארלאָזט ער דאָס צימער.

אסתר

אַליינבלייבנדיק קוקט זיך אַרום

— פּטור ווערן... פּטור ווערן...

פינצטער.

אויפן פלאַץ

פון די זייט-געסלעך הערט זיך, ווי אַ דורכגייענדיקע דעמאָנס-
טראַציע זינגט אַ רעוואָלוציאָנערע ליד. אויפן פּלאַץ — דער
פריערדיקער עולם. אַלע הערן זיך איין אין דער ריכטונג פון
דער מיל.

אַ קול פון צווישן עולם

— שטיל געוואָרן...

אַ צווייט קול

— ער שרייט שוין מער נישט, דער טויבער!

אַ דריט קול

— מע האָט אים אַזוי לאַנג געשלאָגן !..

אַ פערט קול

— געשלאָגן און אויפגעהערט...

אַ פינפט קול

אפשר לעבט ער שוין נישט מער?

אַ זעקסט קול

— ביסט אַ גולם! זיי שלאָגן מיט חשבון — די נשמה זאָל בלייבן.
אין אריינגאַנג צום מיל-הויף באַווייזן זיך די צוויי פּאָליציסטן, שלעפּן
מיט זיך דעם טויבן — אַ צעהרגעטן, אַ צעבלוטיקטן, וואַרפן אים
אַרויס אויפן פּלאַץ, פאַרשווינדן.

דער טויבער

פּרוּווט זיך אויפהייבן, זיך שטעלן אויף די פיס, נאָר פאַלט ווידער אום.

דער עולם

רינגלט אים אַרום, פאַרשטעלט אים פון צושויער.

קולות פון צווישן עולם

— ער איז פאַרלושעט!

— ער קוקט מיט די אויגן!
— ער הערט גאָרנישט!
— ער קרעכצט...
— קוים וואָס מע הערט.

אַרבעטער

חעלבער איז פריער געווען ביי חבר צאַלין אין דאַך־שטיבל, לויפט אָן פון זייט־געסל, שרייט:

— לאָזט מיך! צום טויבן! לאָזט מיך!

דער עולם

מאַכט אים אַ וועג צום טויבן.

אַרבעטער

— טויבער!... טויבער!... טויבער!... קוקט זיך אַרום מיט שרעק אויפן עולם. ער הערט נישט גאָרנישט...

דער עולם

צום אַרבעטער

— וואָס איז?... וואָס פּילדערסטו?...

אַרבעטער

צום עולם

— זיין טאָכטער... אסתּר...

פון צווישן עולם

— נו?...

אַרבעטער

— זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן... זי איז טויט!

פון צווישן עולם

— וווּ

אַרבעטער

— דאָרט ביי יוליקן אין דאַך־שטיבל...

צווישן עולם א געמורמל, וואָס גייט איבער אין א שטילער פּויזע, אלע קוקן, ווי דער טויבער מאַכט אַן אָנשטרענגונג און שטעלט זיך אויף די פיס.

איינער פון עולם

גייט צו צום טויבן, שרייט אים אין אויער

— דיין טאָכטער! ! ! דיין אסתּר! ! !

טויבער

קוקט מיט די אויגן, הערט נישט.

צווייטער פון עולם

— לאָזט מיך צום טויבן!... ער וועט אים זאָגן? ער האָט שכל? אָט איך וועל אים זאָגן... מע מוז אים זאָגן. ער איז דאָך א טאַטע... ער דאַרף גאָר רייסן „קריעה". גייט צו צום טויבן, ווינקט צו אים מיט די אויגן און מיט די הענט. הער מיך אויס!... דיין טאָכטער... דיין אסתּר... אָט אַזוי... טויט... קוקט א ווײַלע דעם טויבן אין פּנים אריין, דרייט זיך אום צום עולם, מאַכט אוועק מיט דער האַנט אויפן טויבן. ער הערט שוין נישט גאָרנישט... פאַרשטייט שוין נישט גאָרנישט...

טויבער

מאַכט פּלוצים א פּאָר טריט נענטער צום עולם

— די מיל גייט... יאָ... זי גייט! אָן מיר?... נו!... איז קומט... לאָמיר אָפּשטעלן די מיל... קומט מיט מיר!!!... קוקט זיך ארום אויפן עולם. אַהאַ!... אַראָפּגעלאָזט די קעפּ... איר שווייגט... איר רירט זיך נישט, הא?... אַהאַ!... אַזוי וועט עס בלייבן... איך פאַרשטיי שוין... ווייזט אויף די ארבעטער, וואָס צווישן דעם עולם. מיר — אויף אַרבעט... אונזערע טעכטער — אויף זנות, אויף זנות... און די מיל וועט זיך דרייען!... און די מיל וועט זיך דרייען!... איז נו!... איז קומט... אָפּשטעלן די מיל... קומט!!!... קוקט זיך ארום. אַהאַ!... קיינער גייט נישט... קיינער נישט... איז איך... איך אַליין!... לאָזט זיך לויפן, רייסט זיך אריין דורך די פּאָליציסטן צוריק אין מיל-הויף. שרייט. איך וועל זי אָפּשטעלן!.,, איך וועל אָפּשטעלן די מיל!...

צווישן עולם אַ טומל, אַ געיאָג פון די פּאָליציסטן נאָכן טויבן אין מיל-הויף.

פינצטער

אין מיל-גאָרטן

אין פאַרשידענע זייטן צווישן די רעדער און טרייב-רימענס, וואָס דרייען זיך, טומלען: מענדל, שולק און צוויי פּאָליציסטן. צווישן די רעדער און טרייב-רימענס לויפט אַרום דער טויבער נאָך וועלכע אַלע יאָגן זיך.

קולות

שרייען איבער דעם גערויש פון די רעדער

— לאָזט אים נישט!

— כאַפּט אים!

— כאַפּט אים!

— פאַרשטעלט אים דעם וועג!

— פאַרלויף!

— פאַרלויף!

דער טויבער

קלעטערט געשווינט אַרויף אויפן הויכן לייטער, וואָס פירט צו די מיל-שטיינער, וווּ מען שיט אויף דעם ווייץ, שטעלט זיך אָפּ אויפן העכסטן שטאַפּל, שרייט אַראָפּ צו שולצן:

— שטעל אָפּ די מיל!!!... שטעל אָפּ!!!

שולץ, מענדל און פּאָליציסטן לאָזן זיך צום לייטער אויף צו כאַפּן דעם טויבן

טויבער

— נו!... וועל איך אַליין אָפּשטעלן!!! איך אַליין!!!...

וואַרפט זיך אַריין צווישן די מיל-שטיינער.

שולץ

שרייט אין הער-רער:

אָפּשטעלן!!!

די רעדער מיט די טרייב־רימענס שטעלן זיך אָפּ. שולץ לויפט געשווינט אַרויף אויפן לייטער, קוקט אַריין אין די מיל־שטיי־נער, גייט אַראָפּ פון לייטער זייער פאַמעלעך. מענדל און די פּאָליציסטן טוען זיך אַ לאָז צו שולצן, בלייבן שטיין לעבן אים פרעגנדיק

— נו?..

שולץ

— צעריבן אויף שטויב... קיין גאַנצער אבר נישט געבליבן...

אַ פּויזע. אין מיל — לאַנגזאַם פינצטער.

אין עסצימער

לעבן שטעון ביק אַרום טיש שטייען ווי פאַרגליווערט די מעל־קרעמער, דער שמש, יאָסעלע, הערן זיך איין אין דער ריכטונג פון מיל. ביי אַ זייטיק טישל זיצט מאַדאַם ביק, לעבן איר שטייט די שמשטע און פּויעט זי מיט טיי פון דער שאָל.

מאַדאַם ביק

קרעכצט, זופּנדיק די טיי

— אוי... אוי...

שמשטע

צוטראָגנדיק איר די שאָל צום מויל

— נעמט זיך נישט צום האַרצן... נעמט זיך נישט צום האַרצן...

ביק

איינהערנדיק זיך

— וואָס קומט דאָרט פאָר?... ווידער אָפּגעשטעלט די מיל?!...

ווער טוט דאָס דאָרט אויף צו להכעיס?!...

לאָזט זיך לויפן צו דער טיר.

מענדל

לויפט אַן אַנטקעגן, בעת ביק עפנט די טיר.

ביק

צו מענדלען

— ווער האָט אָפּגעשטעלט ?...

מענדל

— וואַרט... לויף נישט אַהין...

פון דרויסן דערהערן זיך פיל בייזע קולות פון אַ מאַסע, וואָס גרייפט אָן אויף דער מיל. די קולות פאַרמערן זיך, פאַרשטאַרקן זיך, שטייגן פון רגע צו רגע.

מאַדאַם ביק

אויפהערנדיק צו זיפּן די טיי

— ווער האָט אָפּגעשטעלט ?

מענדל

— מיר אַליין האָבן אָפּגעשטעלט... שולץ האָט אָפּגעשטעלט.

ביק

— פּאָליציי היט דאָך פון אַלע זייטן. איך פרעג: פּאָליציי היט צי ניין ?! פאַר וועמען האָט מען זיך דערשראָקן ?...

שולץ

באַוויזט זיך אין טיר, אין דרויסן שטאַרקן זיך בייניעם די געשרייען פון דער אָנגרייפנדיקער מאַסע.

ביק

צו שולצן

— פאַר אָט דעם דרעקישן עולם אין דרויסן האָט מען זיך דערשראָקן ?...

שולץ

— לאָזט צורו... קראַצט זיך אונטערן אויער. דער טויבער האָט זיך דאָרט אַריינגעוואָרפן צווישן די מיל-שטיינער...

ביק

— נו ? ! !...

שולץ

— צע־ריבן... אויף שטויב...

ביק

— נו ? !...

שולץ

— טויט.

אלע אין צימער שעפּטשען זיך דערשראָקן.

ביק

שפּאַנט אַרום איבערן צימער, האַלט זיך מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ

— צעריבן... אויף שטויב... אַ ?... מענטש... אַ מענטש טויט... נאָט זעט... וואָס בין איך ?... וואָס ביסטו ?... נו ?... אַ מענטש... אַט גע־לעבט... איין רייב און פּאַרטיק... צו וואָס האָט ער באַדאַרפט קריכן ? צו וואָס ?

אלע אין צימער

שעפּטשען זיך אין שרעק

— אויף שטויב...

— צעריבן...

— טויט...

מאַדאַם ביק

— וואָס וועט איצט זיין ? !...

ביק

בלייבנדיק שטיין אַקעגן שולצן

— אָבער די מיל ? זי מוז דאָך גיין...

מאַדאַם ביק

די מיל זאָל גיין ! ! ! די מיל זאָל גיין ! ! ! באַלד זאָל זי ווידער גיין...

שולץ

לאָזנדיק זיך צוריק צו דער טיר

— מיינעטוועגן... זאָל זי גיין...

פינצטער

אויפן פּלאַץ

קולות פון צווישן דער מאַסע, וואָס גרייפט אָן אויף דער מיל

קולות

— זעט!

— דער טויבער האָט אָפּגעשטעלט די מיל!

— ער האָט זיך געוואָרפן צווישן די שטיינער.

— עס האָט אים צעריבן, דעם טויבן...

— אויף טויט???

— אויף טויט!!!...

— קוקט אויף דער מיל!

— מיר וועלן צעטראָגן די מיל!!!

— אַ קרענק דעם ביק.

— ער וועט נישט האָבן קיין מיל!...

— קומט אויף דער מיל!

— צעברעכן, צעקלאַפּן די מיל!!!

שרייענדיק רוקט זיך דער אָנגרייפנדיקער עולם אַלץ נענטער און נענטער צום מיל-איינגאַנג, וואַרפט אום אויפן וועג אַ פּאָר פּאָליציסטן, וואָס שלאָגן זי און ווילן זי פאַרהאַלטן. פּלוצים ווערט די פינצטערע מיל אין פאַרלויף פון איין אויגנבליק צוריק באַלויכטן — דער עולם דערזעט ווי דער מיל-גאָרן, וואָס מיט די רעדער און מיט די טרייב-רימענס, איז אין פולן גאַנג און ווערט דורך אַט דער זעונג, ווי צו-געשמידט צו דער ערד.

קולות

פון צווישן דער שטיינגעבליבענער מאַסע

— זעט!

— די מיל...

— זי גייט ווידער!!!
— מיט אַ טויטן גייט זי?!!
— מיט די צעריבענע ביינער פון אַ מענטשן גייט זי?!!!...

אין עסצימער

דער פריערדיקער עולם

שולץ

שטייט ביי דער טיר, שאַרט מיט אַ פינגער די זאַך, וואָס ער האַלט אין דער זשמעניע

— דאָס גאַנצע מעל קאַפּוט...

ביק

— וואָס איז קאַפּוט?

שולץ

ווייזט אויף דער מעל־פּראָבע, וואָס ער האַלט אין האַנט

— נו, יאָ. דאָס גאַנצע לעצטע מעל איז אין בלוט... פון אים... פונעם טויבן...

ביק

גייט פּאַמעלעך צו צו שולצן, קוקט אַריין אין דער פּראָבע מעל, וואָס ביי שולצן אין דער האַנט, קוקט אויף שולצן, דרייט זיך פּאַמעלעך אַוועק. הייבט אָן פּאַמעלעך אַרומשפּאַנען איבערן צימער, רייבט דעם שטערן, בלייבט שטיין מיטן פּנים צו די מעל־קרעמער:

— בלוט, אַ?.. בלוט פון אַ מענטשן...

צו די מעל־קרעמער:

— איך בעט אייך... מע האָט דאָך גאָר היינט נאָך קיין מעריב נישט געדאַוונט...

אַלע באַקומען דאַנענדיקע פּנימער. אויף אַ קליין טישל אין פאָדער־גרונט וואַקסן אויס צוויי אָנגעצונדענע ליכט.

דער שמש

שטעלט זיך אַוועק בײם טישל, וויל אָנהייבן:

— יתגדל ויתקדש...

שמעון ביק

שטויסט פאַמעלעך אָפּ דעם שמש, שטעלט זיך אַוועק בײם טישל מיט די ליכט, הייבט אַליין אָן

— „יתגדל ויתקדש" אאַז"וו.

„והוא רחום" ביז נאָך „ברכו". נאָך „ברכו" פאַרטראַכט ער זיך, דערמאַנט זיך אָן עפּעס, זאָגט צו איינעם פון די מעל־קרעמער:

— נו... אָ... און אויפן מעל.. אויפן מעל מיטן ע... מיטן בלוט?.. אויפן מעל קאָן מען שוין טאַקע גאָר קיין קונה נישט קריגן?.. איך מיין... אַפילו פּאַר ביליקער?.. איך מיין נישט חלילה אויף ברויט... איך מיין: אויף קאָרם... סע קאָן דאָך נאָך צו עפּעס טויגן...

מעל־קרעמער

— ממיאַ. פּאַר ביליקער? אַשטייגער מיט וויפל ביליקער?

דאַוונענדיק הייבט מען אָן מיט ווינקערייען זיך דינגען.

פאָרהאַנג